פרייז $1.00
Hakiryah
תמוז - אב תשע"ב לפ"ק
# הקריה
בס"ד
135
קרית יואל יצ"ו

# העפטיגע ארבעט זעצט פאָר אָן אויפהער בעז"ה צו פארענדיגן בנין בית המדרש החדש 'ישמח משה' דקיט"ל אין שכונת ברך משה

## פלענער ווערן געמאכט צו קענען צייטווייליג עפענען דאס ביהמ"ד אויף די ימים נוראים הבעל"ט

די אומאויפהערליכע בוי ארבעט וועלכע גייט אן אין פולסטן טעמפא ביים ביהמ"ד החדש 'ישמח משה' אין שכונת ברך משה, רופט נאך אלץ ארויס וואונדער און באגייסטערונג ביים גאנצן ציבור אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר, וועלכע קוקן זיך צו מיט פרייד וויאזוי די הרחבת גבולי הקדושה גייט אן אויף אזא מאסיוון פארנעם בעזרת ה'.

אז מען כאפט א בליק אין שכונת ברך משה אויפ'ן ארט וואו עס גייט אן די נאכאנאדע בוי ארבעט ביים ווינקל פון די דינוב און פראנקפורט גאסן, שרייט זיך פון זיך אליינס ארויס, מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו! עס איז ממש צום שטוינען אז אין די קורצע צייט פון א דריי-פערטל יאר נאכדעם וואס א טראקטאר האט צום ערשטן מאל באטרעטן דעם באדן, שטייט שוין דער גיגאנטישער בנין במלא הודו והדרו, א זאך וואס איז בלי שום ספק נאר בזכותם פון רבותינו הקדושים בעל דברי יואל ובעל ברך משה זכותם יגן עלינו וואס די שכונה און די קרי' ווערן אנגערופן אויף זייער נאמען.

אין די זעלבע צייט וואס די בוי ארבייט מאכט גרויס פארשריט, זיצן די גבאי ועסקני הביהמ"ד און פלאנירן שוין די פילע פרטים וואס פעלט זיך אויס צו מסדר זיין אין בעפארברייטונג צום פאקטישן ערעפענונג פון דאס ביהמ"ד בסייעתא דשמיא, האפנטליך שוין צייטווייליג אויף די קומענדיגע ימים נוראים סעזאן הבעל"ט.

דער קליינער צייטווייליגער ביהמ"ד וואס ווערט אצינד באנוצט דורך די תושבי השכונה איז שוין לאנג אויסגעוואקסן און איבערגעפולט עד אפס מקום, און אויב איז ענג א יעדע שבת איז שטערקער דער פראבלעם אין די ימים נוראים ווען מען דארף אפטיילן א גרויס טייל פון דאס ביהמ"ד פאר די עזרת נשים.

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז פאראיאר ראש השנה אין ליכט פון דעם געדרענג איז נישט געווען מעגליך פאר די נשים צדקניות וועלכע זענען געקומען הערן שופר בלאזן - אריינצוקומען אין ביהמ"ד, עד כדי כך אז מען איז געווען געצווינגען צו עפענען די פענסטער פון ביהמ"ד, כדי די פילצאליגע נשים צדקניות וועלכע האבן נישט עספיעט אריינצוקומען אין ביהמ"ד צוליב'ן געדרענג, אז זאלן קענען מיטהאלטן די תקיעות פון די גאס!

דאס איז געווען מיט א יאר צוריק. אצינד ווען מען האלט שוין א גאנצע יאר שפעטער און די צאל תושבים איז שוין אסאך מער, קומט ווידעראמאל ארויף צום אויבערפלאך די פראגע, וויאזוי וועט ערמעגליכט ווערן צו קענען אקאמאדירן דעם ריזן ציבור תושבי השכונה בליעה"ר אין אזא

(פארזעצונג אויף זייט 14)



# העכסט רירענדע מאמענטן ביים "חומש סעודה" געפראוועט דורך "כתה א' תלמידים" פון מוסד הק' שערי חמלה

דער באגריף פון א "חומש סעודה" איז היינט כמעט נישט קיין נייעס. הגם דאהי אין קרית יואל איז עס נישט איינגעפירט געווארן, עס איז אבער א רוטינע געשעעניש אין רוב מוסדות התורה איבער די וועלט, און מ'ליינט אפטמאל באריכטן באגלייט מיט בילדער ווי די בא'חנ'טע תשב"ר זיצן ביי זייערע "חומש סעודות" צום פרייד פון זייערע עלטערן און זיידעס.

עס איז אבער נישט איבערגעטריבן צו זאגן, אז דער דאזיגער חומש סעודה איבער וועלכן עס ווערט דא באריכטעט, איז גענצליך אן אנדערע באגריף, און מעגליך אז ס'איז דאס ערשטע מאל אין די היסטאריע וואס אזאנס ווערט בכלל געפראוועט.

ניין, עס איז נישט די רעדע פון קיין פינף-יעריגע קינדער וועלכע

(פארזעצונג אויף זייט 9)

# כ"ק מרן רבינו שליט"א אפגעשטאטעט א באזוך ביים שטח פון נייעם גיגאנטישן בנין התלמוד תורה



פארגאנגענעם דינסטאג נאכמיטאג האט כ"ק מרן רבינו שליט"א אפגעשטאטעט א באזוך ביים ארט וואו עס גייט אצינד אן די בוי ארבעט פון דעם נייעם גיגאנטישן בנין פאר'ן תלמוד תורה, וואס ווערט אויפגעבויעט אויף א גרויסן שטח אויף בעיקערטאון ראוד.

דער רבי האט מיט א זעלטענע הנאה וקורת רוח באטראכט די אנגייענדע ארבעט להרחבת גבולי הקדושה, וועלכע איז שוין בליעה"ר די 13'טע רינגעלע אין די לאנגע קייט פון די הערליכע מבצרי החינוך בתוככי קרית יואל, וואס די געטרייע הנהלת המוסדות האבן גענומען אויף זיך, שטייענדיג בלויז א קורצע צייט נאכדעם וואס מ'האט הערשט מחנך געווען א פרישן בנין פאר'ן בית רחל, צו קענען נאכקומען דער גרויסער וואוקס אין די מוסדות בליעה"ר, ספעציפיש אצינד אין די בניני התלמוד תורה, וואו דער דחקות איז שוין עד אין לשער [ב"ה].

די ארבעט אויפ'ן ארט גייט טאקע אן מיט א שנעלן טעמפא, און די הנהלת המוסדות זענען אנטשלאסן אהערצושטעלן דעם נייעם בנין אויף שנעלסטע אופן וואס מעגליך בעזה"י צו ערמעגליכן נויטיגע הרחבת הדעת פאר די טויזנטער תשב"ר בליעה"ר.

הרחיבי מקום אהלך!

# העפטיגע בוי-ארבעט אהערצושטעלן "קינדער פארק פאזע" אינעם בארימטן "רוח החיים קור ארט"

וועט שוין בעזהשי"ת שטיין צום באנוץ ביז א קורצע צייט - שפילצייגן פאר'ן קינדער פארק ווערן שוין צוגעגרייט

4

# ערשטע פאזע פון מאסיווע "וואסער פייפליין" פראיעקט; ביז עפענונג ביז געציילטע טעג בעז"ה

ערשטע פאזע פונעם פראיעקט וועט אויפבויען 6.5 מייליגן פייפליין פון קרית יואל ביז די מאסיווע קוועלער אין קארנוואל

7

# מאנרא און וואודבארי ״פובליק הירינג״ פארגעקומען איבער אנעקסעישאן פון וואסער טענק שטח פון וואודבארי צו מאנרא

אין די פארגאנגענע וואכן איז פארגעקומען א ״פובליק הירינג״ איבער אנעקסירן א שטח פון 13 עיקער וואס געפינט זיך אין די גרעניצן פון וואודבארי, וואס רעכנט אריין א האלבע עיקער אויף׳ן שפיץ פון די חברון גאס וואו עס זענען אויפגעשטעלט געווארן צוויי וואסער טענק פאר׳ן באנוץ פון קרית יואל.

עס האנדלט זיך איבער א שטח פון 13 אקער לאנד אין די וואודבארי גרעניצן, וואס מיט ארום 4 יאר צוריק האט די הנהלת הקרי׳ אפגעקויפט א האלבן עיקער דערפון, פאר׳ן געברויך פון די צוויי ריזיגע וואסער טענק וואס איז דארט אויפגעשטעלט געווארן מיט׳ן ציל צוצושטעלן וואסער פאר דעם ׳אשת חיל׳ צענטער, ווי אויך פאר די הונדערטער דירות וואס זענען דאן געבויעט געווארן אויף די זייט פון חברון און ראוונע.

ווי שוין געמאלדן אין די פארגאנגענהייט, האט דער ווילידזש אוו וואודבארי, אלס טייל פון זייערע ענדלאזע פרואוון צו שטערן דעם בליה און וואוקס פון קרית יואל אויף טריט און שריט מיט אלעם וואס מעגליך, אריינגעגעבן א פרעצעדענטלאזע קלאגע אין געריכט קעגן קרית יואל ווילידזש און ר׳ יחזקאל בראך נ״י.

דער באשלוס צו בויען די נייע וואסער טענק איז געמאכט געווארן שוין מיט אריבער 3 יאר פריער, ווען די הנהלת הקרי׳ האט זיך דערזען, אז כדי צו קענען סערווירן די פרישע פראיעקטן וועלכע ווערן געבויעט אויף די העכערע פראפערטיס מיט א געהעריגן וואסער סופליי, פעלט זיך אויס א פרישער כח פון וואסער טענק אויף א הויכן ארט נאנט צום שטעטל, וואס זאל געבן די נויטיגע פרעשור פאר די וואסער צו קענען דערגרייכן צו די העכערע ערטער.

גלייכצייטיג, אין צוגאב צו די נייע פראיעקטן, זענען די בענעפיטן פון בויען נייע וואסער טענק אויך געוועזן א געוואלדיגער דורכברוך פאר די עקזיסטירנדע העכערע גאסן, ווי טעטש, סאסוב און לעמבערג, וועלכע ווערן טייל מאל געפלאגט פון א שוואכן פרעשור אין דעם וואסער סיסטעם, און מיט די פרעשור פון די נייע טענק האט זיך פארשטערקערט די וואסער פרעשור צו די נויטיגע שטאפלען אין די דאזיגע געגענטער.

מיט גרויס סייעתא דשמיא האט מען אפגעקויפט דעם שטח אין די גרעניצן פון ווילידזש אוו וואודבארי ביים שפיץ פון די חברון גאס, פאר די סומע פון $200,000, וואס דערויף האט ׳ועד הקריה׳ אהערגעשטעלט צוויי ריזיגע וואסער-טאנקען פאר די סומע פון 1.5 מיליאן דאלער. די טענק זענען געבויעט געווארן מיט א הויכקייט פון 48 פיס, און יעדע איינע קען אנטהאלטן 750 טויזענט גאלאן, ד.ה. אז ביידע טענק צוזאמען פארמאגן פלאץ פאר 1.5 מיליאן גאלאן וואסער.

אינמיטן די בוי ארבעט האט דער ווילידזש אוו וואודבארי אנגעהויבן צו שטערן דאס בויען, און דער קרית יואל

(פארזעצונג אויף זייט 13)

# ״ווינטעדזש וויסטע״ פראַפּערטי אויף חברון און ראָוונע באַשטעטיגט צו צעטיילן אויף 29 לאַטס

### נאך לאנג-פארצויגענע ביוראקראטישע פראצעדורן פון 7 יאר ביי די טאון רעגירונג - גאר קאסטבארע אינפראסטראקטשור שוין פאראויס אריינגעלייגט - 58 דירות וועלן געבויעט ווערן אויף 10.5 עיקער, צווישן חברון און טעטש-ראוונע

נאך שווערע הארעוואניע פון 7 יאר און נאכ׳ן דורכגיין אומגעהויערע שווערע ביוראקראטישע פראצעדורן, איז ענדליך באשטעטיגט געווארן דער אפליקאציע פאר א ״סוב דעוויזשאן״ אפראוועל אויפ׳ן שטח פון 10.5 אקער לאנד וואס געפינט זיך אין טאון אוו מאנראו אינדרויסן פון ק״י ווילידזש גרעניצן, ביים ווינקל צווישן טעטש, קאונטי רוט 44, און חברון-ראוונע, וואס רופט זיך ״ווינטעדזש וויסטע״.

עס האנדלט זיך איבער דעם שטח וואס עס האט אפגעקויפט א היימישער דעוועלאופער, מו״ה דוד עמרם אויש הי״ו פון מאנסי, שוין מיט 8-9 יאר צוריק מיט׳ן פלאן תיכף צוצוטרעטן אויפצובויען אויף דעם שטח א דעוועלאופמענט פון פריוואטע הייזער.

דער פראיעקט איז אריבערגעגאנגען שווערע ביוקראטישע פראצעדורן אין די לעצטע 7 יאר זינט מען האט אריינגעגעבן דעם ערשטן ״פלימינערי סוב דיווידזשאן אפליקאציע״ צום טאון אוו מאנראו פלענינג באורד, ביז עס איז באשטעטיגט געווארן דאס צעטיילן דעם שטח אין 29 לאטס אויף וועלכן מען וועט קענען בויען 58 טאון הייזער, וואס דאס איז דער מאקסימום וויפיל מ׳קען בויען לויט די טאון געזעצן. די הייזער וועלן זיין געבויעט אויפ׳ן זעלבן שטייגער ווי די עטליכע פריוואטע הייזער אויף פארעסט ראוד צווישן קוויקוועי און ווען ביורען דרייוו, וואו עטליכע שטחים זענען נישט אין די ווילידזש נאר אונטער די טאון.

צווישן די שוועריגקייטן ביים באשטעטיגן דעם דעוועלאופמענט, איז געווען די ברענענדיגע ״וואסער פראגע״, פון וואו מען וועט צושטעלן וואסער פאר די 58 דירות, וואס דער קרית יואל ווילידזש האט מסכים געווען צו פארקויפן וואסער פאר די דירות טראצדעם וואס עס געפינט זיך אויסער די גרעניצן פון קרית יואל, און בשכר זאת האט דער דעוועלאופער זיך אונטערגענומען אלס איינע פון פארפליכטונגען צוצושטעלן אין די ערשטע מעגליכקייט דעם וויכטיגן ראוד וואס שניידט דורך דעם נייעם דעוועלאופמענט און איז באהאפטן מיט די ראוונע גאס, און אן עקסטערע ראוד עקסטענשאן צו די חברון גאס, וואס איז שוין ב״ה פארענדיגט געווארן און איז שוין אין באנוץ די לעצטע יאר צוויי.

כדי צו ערגרייכן דאס אויבנדערמאנטע, האט דער דעוועלאופער געדארפט אריינגעבן אן אפליקעישען צום טאון אוו מאנראו צו דעזיגנירן דעם שטח פונעם דעוועלאפעמנט אלס אן אפיציעלע באזונדערע ״וואסער דיסטריקט״, און דער ווילידזש האט בשעתו אריינגעלייגט אסאך שתדלנות ביי די טאון באורד אין מאנראו אז זיי זאלן באוויליגן דאס צו באשטעטיגן.

אבער וואסער איז געווען בלויז איין טעמע פון צענדליגער אנדערע.

אזוי ווי יעדע זאך וואס דארף דורכגיין די לאקאלע באאמטע אינדרויסן פון קרית יואל, האט דער פראיעקט אויך געדארפט דורכגיין גאר אסאך פראצעדורן ביז עס האט געקענט באשטעטיגט ווערן. דער פראיעקט איז פון פאראויס דורכגעקוקט געווארן דורך די טאון אוו מאנראו טאון באורד, טאון אוו מאנראו הייוועי דעפארטמענט, טאון אוו וואודבארי אלס שכנים פון דעם פראיעקט, אראנדזש קאונטי העלט דעפארטמענט, אראנדזש קאונטי דעפארטמענט אוו ענווייראנמענטאל פעסיליטיס און סערוויסעס, אראנדזש קאונטי דעפארטמענט אוו פובליק ווארקס, אראנדזש קאונטי דעפארטמענט אוו פלענינג, ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו ענווייראנמענטאל קאנסערוועישאן, ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו פארקס רעקריעישאן ענד היסטאריק פרעזערוועישאן, עי-טי-ענד-טי, און די ווילידזש אוו קרית יואל

(פארזעצונג אויף זייט 21)

# נייער ״שארטקאט״ צווישן די גאסן פון ווען ביורען, אוהעל, פילמאר און מירון וועט נאנט ברענגען צוויי עקן פון די שטאט

### לענגסטער ״יואלק-וועי״ אין שטאט וועט פארגרינגערן פאר טויזענטער פיסגייער אין קרית יואל

עס איז שוין אסאך געשריבן געווארן אין הקרי׳ וועגן שארטקאטס אין קרית יואל, אבער דאסמאל איז די רעדע פון גאר א נייעם און קאסטבארן פראיעקט וואס וועט אויף איינמאל פארגרינגערן פאר הונדערטער משפחות אין קרית יואל דורך אויספלאסטערן א שארטקאט וואס וועט זיך שלענגלען צווישן די גאסן פון ווען ביורען, אוהעל פילמאר און מירון, און וועט ערמעגליכן פאר די טויזנטער פיסגייער פון די סעקשאן 4 גאסן, שכונת ברך משה, אא״וו, אנצוקומען צום אנדערן זייט שטאט וואו עס געפונט זיך די שאפינג סענטער, העלט סענטער, ווילידזש אפיסעס אא״וו.

די איינוואוינער פון די פילצאליגע גאסן אין יענעם געגנט פלעגן האבן פילע שוועריגקייטן אנצוקומען צום צענטער פון שטאט, ווייל טראצדעם וואס אויף די מאפע זענען זיי בכלל נישט אזוי ווייט, האבן זיי אבער נישט געקענט אנקומען אהין נאר דורך לאנגע אומוועגן.

א גרויסע טייל פון די איינוואוינער פלעגן זיך באנוצן מיט די שטיגן אונטער׳ן ביהמ״ד הגדול, צווישן פילמאר קט. און גארפילד רד. וועלכע איז די מערסט באנוצטע טרעפן דורכגאנג אין קרית יואל. אבער פאר פרויען מיט קערידזשעס איז געווען גאר שווער זיך צו באנוצן מיט דעם וועג, ווי אויך איז דאס שוין אויך א אומוועג פאר די איינוואוינער פון מירון ביז סעקשן 4 געגנט, וועלכע ווילן גיין צום שאפינג סענטער אדער די עזרת חולים געביידע.

אצינד קומט די פרייליכע מעלדונג אז די ווילידזש האט אונטערגענומען די קאמפליצירטע ארבעט צוצושטעלן א באקוועמען שארטקאט צווישן די אלע גאסן, דער וועג וועט זיך ציען פון מירון דרייוו ביים ווינקל פון פילמאר קט. און עס וועט זיך ציען אונטער די פילמאר גאס ביז די אוהעל און ווען ביורען גאסן עס וועט זיך ענדיגן נאנט צום פארקינג לאט פון ביתו נאוה קודש פון רבינו שליט״א אויף אוהעל קט.

דאס איז נישט קיין גרינגע זאך דורכצופירן, ווייל דער וועג לויפט נישט אויף קיין גלייכע ליניע, און עס נעמט אריין גאר קאסטבארע אונטערנעמונגען אז דער וועג זאל קענען צוגעשטעלט ווערן באקוועם פאר די פיסגייער.

ווי באקאנט איז איינע פון די פריאריטעטן פונעם ווילידזש, צוצושטעלן באקוועמע שארטקאטס אין קרית יואל. די ווילידזש האלט אויך אויף די אלע שארטקאטס אינעם שטאט, וואס זענען אלע גוט אויסגעפלאסטערט, גענוג ברייט פאר קערידזשעס דורכצוגיין, און זענען באלויכטן אין די פינסטערע נאכט.

פילע תושבי קרית יואל פארמאגן נישט קיין קארס, און א גרויסער חלק פון די באפעלקערונג באשטייט פון פרויען און קינדער, בחורים וואס גייען אין ישיבה און צום ביהמ״ד, און יונגעלייט

(פארזעצונג אויף זייט 13)





# עזרת חולים דענטאל דעפארטמענט פלאנט אויסצובררייטערן שעה'ן פון סערוויסעס אויף צופרי און ביינאכט

### פארברייטערטע שטונדן וועט זיין אי"ה ספעציעלע דורכברוך פאר ארבייטער און ביזנעס לייט

פון די הנהלת עזרת חולים קומט די גוטע נייעס, אז עס גייען אן העפטיגע פלענער צו פארברייטערן די שעות פון דעם דענטאל דעפארטמענט, נאכצוקומען די גרויסע נאכפראגע אויף די דענטאל סערוויסעס פון עזרת חולים.

ווי באקאנט טוט דער העלט סענטער ארייננעמען אונטער זיך פארשידענע סערוויסעס אין פילצאליגע געביטן צו קענען סערווירן דעם פארברייטערטן ציבור בליעה"ר, צווישן די וויכטיגע אפטיילונגען אין דעם העלט סענטער איז געוויס אויך דער דענטאל דעפארטמענט וועלכע טוט סערווירן די פילע איינוואוינער אויף א גרויסן פארנעם.

צוליב דער גרויסער פארלאנג, זענען היינט צו טאגס אלע 9 דענטיסט צימערן אין דעם העלט סענטער איבערגעפולט מיט פאציענטן במשך דעם גאנצן טאג, וואס צוליב דעם ריבוי עם קע"ה קען דער סענטער שוין כמעט נישט נאכקומען דעם פארלאנג, און ווען מען באשטעלט אן אפוינטמענט קען מען צומאל הערשט באקומען אויף פילע וואכן שפעטער.

אין ליכט פון דעם געדרענג גייט שוין אן א לענגערע צייט פארשידענע פלענער צו פארדאפלען די צאל שטיבער צו קענען נאכקומען דעם געברויך, די הנהלת עזרת חולים האט שוין אריינגענומען ספעציעלע ארכיטעקטן וואס זאלן אהערשטעלן די קאנסטראקשן פלענער ווי אזוי צו פארברייטערן דעם דענטאל אפטיילונג, דאס וועט ערשט קענען דורכגעפירט ווערן נאכדעם וואס די פידיעטריק דעפארטמענט וועט זיך אראפציען צום אונטערשטן שטאק.

ווי שוין געמאלדן מיט א צייט צוריק גרייט זיך די הנהלת עזרת חולים צו פארברייטערן די פידיעטריק אפטיילונג אויפ'ן גאנצן אונטערשטן שטאק פון די געביידע, און ערשט דערנאך וועט מען אויך קענען פארברייטערן די דענטאל אפטיילונג אויפ'ן פלאץ ווי די פידיעטריק אפטיילונג איז יעצט סטאנציאנירט.

דאס מיינט אז די בוי ארבייט צו פארברייטערן דעם דענטאל אפטיילונג וועט זיך פאקטיש קענען אנהייבן ערשט אין א שטיק צייט ארום, אבער אינצווישן ווערן אצינד געמאכט די פלענער צו פארברייטערן די דענטאל שטונדן, צו קענען אויפנעמען פאציענטן אין די צופרי שעות אום 7:00 אזייגער אנשטאט 9:00 אזייגער ווי ביז יעצט, און אזוי אויך ווערט געמאכט פלענער אז דער דעפארטמענט זאל זיין אפן שפעטער ווי ביז היינט.

די גוטע נייעס איז א דאפעלטער דורכברוך, ווייל אויסער דעם פאקט וואס עס קומט צו מער שעות צו קענען אקאמאדירן דעם פארגרעסערטן ציבור, וועט דאס אין די זעלבע צייט ברענגען נאך א בענעפיט פאר ארבייטער און ביזנעסלייט.

די געוועגליכע אפיס שטונדן פון געוועגליכע העלט אפיסעס זענען אין רוב פעלער א פראבלעם וואס פלאגט יעדן ארבייטס פערזאן, אז ווען מען ברויך צוקומען צו סיי וועלכע מעדיצינישע הילף איז מען געצווינגען צו נעמען אורלויב פון די ארבייט צו קענען גיין צום דאקטאר, וואס דאס באדייט סיי א געלט שאדן פאר'ן ארבייטער און סיי א פארלוסט פאר די ביזנעס אדער ארבייטס פלאץ.

אצינד מיט די געפלאנטע נייע פארברייטערטע שעה'ן וועלן די ארבייטער קענען באשטימען זייערע אפוינטמענטס אינדערפרי אדער ביינאכט, אן צו דארפן שטערן די געוועגליכע סדר היום פון די ארבעט.

תושבי קרית יואל פאלגן נאך מיט צופרידנהייט די כסדר'דיגע פעולות פון די הנהלת עזרת חולים אין שפיץ פונעם חשובן מעיאר הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א, באורד טשערמאן, צו ברענגען פרישע סערוויסעס לטובת די איינוואוינער אויף אלע געביטן פון רפואה און געזונט.




# וואסער קריזיס אויסגעמיטן ב"ה אין סאמע לעצטע מינוט

### רעקארד ווארימער יאר מיט ווייניג שנייען נידערט וואסער שטאפלען אין די שטאט צו פרעצעדענטלאזע שטאפלען - שיעור-קריזיס אויסגעמיטן אין די לעצטע מינוט בס"ד א דאנק אומערמידליכע ארבעט פון ווילידזש וואסער דעפארטמענט - אסאך תפילות און סייעתא דשמיא נאך נויטיג צו קענען אנגיין ווייטער אן קיין פראבלעמען

### מו"ה יעקב גליק הי"ו, וואסער סופעראינטענדענט: מ'איז געשטאנען פאר א מצב וואס איז געווען "(לא) באו מים עד נפש"!

**גרונטליכער אנאליז און איבערזיכט איבער דעם סיסטעם פון "שעפן וואסער" פאר די טויזנטער קרית יואל'ער איינוואוינער**

איבער די לעצטע האלבע יאר הערט מען אסאך רעדן פון דעם פראבלעם אז ס'איז נישטא אין קרית יואל גענוג וואסער. פאר עמיצן וואס איז נישט גרונטליך באהאוונט פון אלעס וואס נעמט ארום וואסער, קען זיך עס הערן ווי א פאלשער אלארם. שוין ווייטער פארפירט מען וועגן די וואסער, גענוג גערעדט דערוועגן. איך האב נאך יעדעס מאל ביים אנצינדן די קראן אדער וואש מאשין געהאט גענוג וואסער אז ס'איז א מחי', וואס דרייט מען מיר א קאפ?

דער ריינער אמת אז די אלגעמיינע תושבי קרית יואל דארפן זיך טאקע ב"ה נישט זארגן טאג טעגליך איבער זייער וואסער סופליי, א דאנק די געטרייע און איבערגעגעבענע ארבעט פונעם ווילידזש וואסער דערפארטמענט. ערב ובוקר וצהרים קען מען צוגיין צום קראן און זיך דערקוויקן מיט א געשמאק גלעזל וואסער, ווי אויך איז ב"ה דא גענוג וואסער פאר אלע אנדערע געברויכן ווי קאכן און וואשן אד"ג.

אנדערע פלעצער וואו מענטשן גראבן זיך אייגענע קוועלער פרעגט מען נישט קיין פראגעס פארוואס מ'פארפירט אזויפיל, זיי ציטערן יעדן טאג מה יולד יום, און ס'מאכט זיך טאקע טעג וואס מ'קען נישט אנפילן די וואנע אדער אויסוואשן די וועש צוליב א מאנגל אין וואסער.

## נישטא קיין וואסער!

אקדמות מילין דארף מען אביסל ארויסברענגען דעם מצב פון וואסער נישט בלויז אין קרית יואל, און נישט בלויז אין ניו יארק, נאר איבער גאנץ אמעריקע.

דער יאר 2012 למספרם איז אן אויסטערליש טרוקענער יאר וואס איז שוין לאנג נישט געזען געווארן, און דער אויסווירקונג דערפון איז נאך אסאך ערגער צוליב'ן פאקט אז דאס פאלגט נאך א רייע פון גאר טרוקענע יארן ווען עס איז געפאלן ווייניג רעגן און ווייניג שניי, און א טרוקעניש נעמט ארום ריזיגע טעריטאריעס אין די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע.

וויפיל רעגן און וואסער עס איז שוין יא אראפגעקומען, איז עס בעיקר געקומען דורך שטורעמס און האריקעינס וועלכע רוקן זיך אויך אן מער בשפע אין די לעצטערע יארן. דער מציאות איז אז וואסער וועלכע קומען אראפ דורך שטורעמס העלפן נישט גענוג ארויס פאר קוועלער און וואסער רעזערוון, אויף און אונטער דער ערד, ווייל דאס וואסער קומט אראפ מיט אזא שטראם און כח אז

(פארזעצונג אויף זייט 20)



די טאנקיר טראקס ברענגען וואסער קיין קרית יואל

# געהויבענע מאמענטן אין "מחנה בית רחל" מיט באזוך פון כ"ק מרן רבינו שליט"א

סאוט פאלסבורג. - פארגאנגענעם דינסטאג נאכמיטאג האבן די קרוב צו 2,000 תלמידות כ"י בליעה"ר וואס ווײלן איבער'ן זומער אין "מחנה בית רחל", געהאט די זכי' אז כ"ק מרן רבינו שליט"א איז געקומען אויף א באזוך און זיך אומקוקן אויפ'ן טאג-טעגליכן הלך ילך אינעם קעמפ.

די טויזנטער תלמידות האבן זיך שוין לאנג געגרייט און ארויסקוקט אויף דעם גרויסן טאג מיט געהויבענע געפילן, און ווי פארשטענדליך ווי נאר דער לאנג-ערווארטעטע מאמענט איז אנגעקומען, איז די גאנצע קעמפ פארוואנדלט געווארן אין א יום טוב'דיגע שטימונג.

באלד נאכ'ן אנקומען אין קעמפ האט זיך דער רבי שליט"א צום ערשט אפגעשטעלט אינעם זומער חדר פאר די יונגלעך, וואו די צענדליגער צאן קדשים פון די דארטיגע משפחות מיט זייערע חשוב'ע מלמדים האבן געהאט די זכי' מקבל פנים צו זיין דעם רבי'ן שליט"א.

די קינדערלעך האבן געזינגען פאסיגע ניגוני שמחה, און דער רבי שליט"א האט מאציל געווען ברכות קדשו מיט גרויס התרגשות.

דערנאך האט דער רבי שליט"א אין באגלייטונג פון די חברי הנהלת המחנה, דורכגעשפרייזט דעם ריזיגן פרייען פעלד אין צענטער פונעם קעמפ, וואו די טויזנטער תלמידות בליעה"ר זענען געווען אויסגע'שורה'ט, און מיט א געוואלדיגע דרך ארץ און גרעסטן מאס צניעות מקבל פנים געווען דעם רבי'ן שליט"א.

לכבודו פונעם רבי'ן איז צוגעשטעלט געווארן א הערליכע מסיבת קבלת פנים אינעם היכל הביהמ"ד 'בית אברהם אבא', וואו עס האבן זיך באטייליגט די חברי הנהלה און די צענדליגער אברכי הכולל פון קעמפ.

צוערשט האט אויפגעטרעטן חדב"ן הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א, רב ביהמ"ד ישמח משה בשכונת ברך משה קרית יואל, וועלכער האט מיט זיין לשון לימודים ארויסגעברענגט די אייגנארטיגע מעלות פון מחנה בית רחל, וואו עס ווערן נתחנך טויזנטער בנות ישראל על טהרת הקודש, וואס איז א שם דבר אין די גאנצע קעטסטקילס, און ארויסגעברענגט ווי אין די זעלבע צייט וואס ס'איז א 'מה טובו אהליך יעקב' פאר'ן בית יעקב אלו הנשים, איז עס א 'משכנותיך ישראל' פארמאגנדיג א הערליכער כולל, א שיינע תורה צענטער, וואו צענדליגער חשוב'ע יונגעלייט ובני תורה ניצן אויס די זומער חדשים אויף התמדת ויגיעת התורה.

דאן האט דער רבי שליט"א אויפגעטרעטן מיט דברות קודש, וואו ער האט מאציל געווען ברכת קדשו פאר די חשוב'ע חברי הנהלה און אלע כלי קודש.

דער רבי שליט"א האט בתוך הדברים ארויסגעברענגט, אז די טויזנטער תלמידות וואס ווערן היינט נתחנך אין "בית רחל", זענען די צוקונפטיגע אידישע מאמעס פון כלל ישראל, ממילא דארף מען פארשטיין די גרויסע אחריות

(פארזעצונג אויף זייט 21)

# ערשטע פאזע פון מאסיווע "וואסער פייפליין" פראיעקט; ביד עפענונג ביז געציילטע טעג בעז"ה

### ערשטע פאזע פונעם פראיעקט וועט אויפבויען 6.5 מייליגן פייפליין פון קרית יואל ביז די מאסיווע קוועלער אין קארנוואל

עס האט טאקע גענומען לאנגע יארן, אבער צו יעדע זאך קומט איינמאל אן די ריכטיגע צייט!

קומענדיגן ער"ח אלול, ולמספרם אויגוסט 16, וועט בשעטומ"צ דורכגעפירט ווערן דער "בידינג פראצעדור", דער ביד איז פאר די ערשטע פאזע פונעם לאנג-ערווארטעטן "וואסער פייפליין" פראיעקט, וואס דאס בויען וועט זיך בעז"ה קענען אנפאנגען א קורצע צייט דערנאך.

דער מעלדונג ברענגט ארויס א שטארקע שמחה ביי תושבי קרית יואל, נאכדעם וואס שוין איבער 13 יאר גייט מען אן מיט די פלאנירונגען און טעכנישע דעטאלן און לעגאלע שטרייטן אהערצושטעלן דעם וואסער פייפליין פון ניו יארק סיטי. די הנהלת הווילידזש איז געווען פארנומען מיט אסאך שטיינער אין וועג פון די "פן ירבה" שונאים, און מ'האט געדארפט דורכברעכן אסאך ביוראקראטישע שוועריגקייטן. אצינד האלט מען שוין ביים אויסקלויבן די קאמפאני וואס וועט בעז"ה אויספירן די פאקטישע ארבעט און ענדגילטיג בויען און אהערשטעלן דעם ערשטן פאזע פונעם פייפליין.

ווי באריכטעט אין די פריערדיגע חדשים, איז דער גאנצער פייפליין פראיעקט צעטיילט געווארן דורך די ווילידזש אינזשענירן אין פינף באזונדערע פאזעס, וואס יעדע פאזע פאר זיך איז נישט אנגעוויזן אין אנדערע פאזעס, אזוי אז אין פאל איין חלק פון די ארבעט דארףווארטן אויף א באשטעטיגונג וכדומה זאל מען נישט דארפן לייגן דעם גאנצן פראיעקט אויף אפשטעל.

די ערשטע פאזע פונעם פראיעקט איז צו בויען דעם פייפליין פון די קוועלער אין קארנוואל ביז קרית יואל, און די אנדערע פאזעס זענען בויען דעם צווייטן חלק פייפליין פון ניו ווינדסאר ביז קארנוואל, באהעפטן דעם פייפליין צום סיטי עקוואדאקט אין ניו ווינדסאר, אויפשטעלן א פאמפ-סטעישאן אין קארנוואל, און אויפצושטעלן א נייע פילטער סיסטעם נעבן קרית יואל ספעציעל פאר די סיטי וואסער.

די יעצטיגע פאזע פון דאס בויען דעם פייפליין פון קארנוואל ביז קרית יואל, איז א וועג פון 15 מייל, וואס מיט א קאר דארף עס צו נעמען בערך 15 מינוט אנצוקומען אהין, אבער מיט א פייפליין... איז שוין גאר אן אנדערע מעשה.

די סיבה פארוואס מ'וויל קודם דאס דורכפירן, איז וויבאלד כדי צו קענען באשטעטיגט ווערן זיך אנצושליסן אין די ריזיגע וואסער רעזערווארן פון ניו יארק סיטי - דער ענדגילטיגער ציל פונעם פייפליין - איז דער ווילידזש געזעצליך פארפליכטעט צוצושטעלן א "בעק-אפ" קוואל, פון וואו זיי וועלן קענען נעמען וואסער אין פאל מ'וועט צייטווייליג נישט קענען נעמען וואסער פון די רעזערווארן פאר סיי וועלכע סיבה.

מיט א געוואלדיגע סייעתא דשמיא, און בזכותו של אותו זקן רביה"ק זי"ע דער מייסד הקריה, האט דער ווילידזש באוויזן צו טרעפן און אפקויפן א געבענטשטע ערד פון 10 אקער לאנד מיט גאר מעכטיגע קוועלער אין קארנוואל, פון וואו מען קען ארויספאמפן אזויפיל ווי 1,600,000 גאלאן וואסער א טאג! - נאכאמאל אזויפיל וויפיל עס איז דער היינטיגער וואסער באנוץ אין א געווענליכע טאג - און דאס געפינט זיך הארט אינמיטן וועג וואו דער פייפליין דארף דורכגיין, אזוי אז דאס איז גענוג צו דינען אלס דער פארלאנגטער עמערדזשענסי בעק-אפ.

גלייכצייטיג איז מען געקומען דערויף, אז אינצווישן, ווי לאנג מ'גייט אדורך די לאנג פארצויגענע ביוראקראטישע פראצעדורן צו באשטעטיגט ווערן פון די סיטי צו נעמען וואסער פון די רעזערווארן אין ניו ווינדסאר - א שטרעקע פון 13 מייל ביז קרית יואל - און די גאר קאמפליצירטע ארבעט פון די קאנעקשן צום סיטי עקוואדאקט זעלבסט, קען מען שוין אנהייבן בויען דעם פייפליין, די ערשטע 6.5 מייל ביז קארנוואל, אז אין פאל פון עמערדזשענסי זאל מען "שוין" קענען אנהייבן צו נוצן די מעכטיגע קוועלער,

(פארזעצונג אויף זייט 23)

---

מיט א תפילה צו השי"ת אויף סייעתא דשמיא:

# אינטענסיווע באמיאונגען פאראויס-צו-רוקן ביוראקראטישע פראצעדורן צו פארענדיגן טרעפיק אויסברייטערונג פראיעקט דעזיין

אין די יעצטיגע חדשים גייען אן העפטיגע באמיאונגען דורכ'ן ווילידזש צו לייגן דרוק אויף די סטעיט באאמטע צוצואיילן די ביוראקראטישע פראצעדורן צו קענען פארענדיגן דעם דעזיין פון די גרויסארטיגע טרעפיק אויסברייטערונג פראיעקטן וואס ווערן געפלאנט אין די קומענדיגע פאר יאר אין קרית יואל.

ווי געדענקט איז פארגאנגענעם יאר אין די זומער מאנאטן פארגעקומען א היסטארישע "פובליק קאנפרענץ" אין זאל פון קרן ויואל משה, וואו די ווילידזש אינדזשענירן האבן פארגעשטעלט פאר די איינוואוינער די גרויסארטיגע פלענער פון דעם 10 מיליאן דאלערדיגן פראיעקט וואס וועט גענצליך איבערמאכן און פארבעסערן דעם גאנצן טרעפיק פון די צענטראלע גאסן אין קרית יואל.

ביים היסטארישן קאנפערענץ האבן די ווילידזש אינדזשענירן אויפגעטרעטן מיט א ברייטע פרעזענטאציע פון אלע פלענער צו געבן א בליק פאר די דרייווערס און פיסגייער איבער דעם מאסיוון פראיעקט, און צו הערן קאמענטארן פונעם ברייטן ציבור וואס וועלן זיך עווענטועל באנוצן מיט די איבערגעמאכטע גאסן.

דער געברויך איבערצומאכן די ראודס האט זיך געשאפן אין ליכט וואס תהלה לקל יתברך איז קרית יואל בליעה"ר איבערגעדרייט געווארן פון א קליין שטעטל צו אן עיר ואם בישראל, און די אלע צענטראלע גאסן פון בעיקערטאון, עיקערס, מאונטען און פארעסט, וואס עקזיסטירן שוין זינט דעם ערשטן טאג פון קרית יואל'ס עקזיסטענץ און נאך פריער, זענען נישט אויסגעשטעלט צו פארנעמען דעם גרויסן טראפיק פארנעם וואס וואקסט מיט מיט'ן וואוקס בליעה"ר אין קרית יואל.

דער ווילידזש האט אין די לעצטע פאר יאר אריינגעלייגט אסאך מיה און געזיצן מיט גרויסע טרעפיק קאנסאולטענטס און אינדזשענירן אויסצוארבעטן פלענער וויאזוי צו פארברייטערן די צענטראלע גאסן צו פארגרינגערן דעם טראפיק אריין און ארויס פון שטאט. ווי אויך צו אינסטאלירן ברייטע באקוועמע סיידוואקס אויףביידע זייטן, וואס וועט פיל פארגרינגערן פאר די פיסגייער, און צוצולייגן באזונדערע טוירן לעינס פאר די קארס און אינסטאלירן טרעפיק לייטס וואו עס פעלט זיך אויס, וכו'.

אין די זעלבע צייט האט דער ווילידזש געארבעט אויף קעסל און כלים צו פארשאפן רעגירונגס פאנדס, כדי צו קענען דעקן די קאסטן פון די פראיעקטן אז עס זאל נישט פאלן צו לאסט אויף די שטייער צאלער, און מיט סייעתא דשמיא האט די ווילידזש שוין ערהאלטן א באשטעטיגונג פון די רעגירונג אויף נאנט צו צען מיליאן דאלער אין גרענטס צו פינאנצירן דעם היסטארישן פראיעקט.

אבער כדי די רעגירונג זאל געבן דעם גרינעם ליכט פאר דעם

(פארזעצונג אויף זייט 21)

---

# וועד העירוב בעט הילף פונעם ציבור צו האלטן א וואכזאם אויג אויפ'ן עירוב צוים ארום די שטאט

### עלטערן זאלן אנזאגן די קינדער נישט צו שעדיגן דעם עירוב צוים - ספעציעלע טאוולען לענגאוים דעם עירוב מעלדן איבער די עירוב גרעניצן

דער וועד העירוב שע"י הנהלת הקרי' איז ארויסגעקומען מיט א רוף צום ציבור, ובפרט די איינוואוינער וועלכע וואוינען אין די גאסן ביי די עקן פון די שטאט נעבן דעם עירוב צוים, אז מען זאל האלטן א וואכזאם אויג אויפ'ן עירוב צוים אז דער צוים זאל נישט געשעדיגט ווערן און דער עירוב זאל נישט ווערן פסול.

טראצדעם וואס דער וועד העירוב פירט דורך א ברייטפארצוויגטן ארבעט יעדן ערב שבת במשך דעם גאנצן יאר, ארומצוגיין איבערקוקן דעם עירוב און האלטן א שטארקן עינא פקיחא אויף דעם גאנצן עירוב ארום אזא גרויסן שטאט אז אלעס זאל זיין אויסגעהאלטן אן קיין שום פראבלעם, דאך קענען פילע איינוואוינער צוהעלפן צו די עבודת הקודש אז דער עירוב זאל נישט געשעדיגט ווערן, וואס דאס קאסט אפ שווערע געלטער צו פארריכטן, און דאס טראגט מיט זיך דעם אחריות פון שמירת שבת פון די גאנצע שטאט.

לעצטנס האט זיך געמאכט עטליכע פעלער פון מענטשן וועלכע האבן ארויסגעלייגט ביים צוים הויפנעס פון געשניטענע צווייגן און בלעטער, און זיי האבן נישט גענומען אין באטראכט אז זיי שטעלן אין געפאר דעם כשרות פונעם עירוב, אזוי אויך האט זיך געמאכט ביי איינע פון די ווינקלען פונעם עירוב צוים אז קינדער האבן אויפגעבראכן דעם צוים נישט וויסנדיג וואספארא שאדן דאס מאכט פאר די גאנצע שטאט.

ווי באריכטעט מיט א צייט צוריק איז אינסטאלירט געווארן ספעציעלע טאוולען וואס מעלדן איין איבער די גרעניצן פונעם עירוב, די שילדן פארמאגן אויך א נומער וואו מען קען אריינרופן אויב מען באמערקט א פראבלעם מיט'ן עירוב, דער נומער איז 492-3261, דאס דארף אויך ברענגען צום אויפמערקזאמקייט אז מיט דעם צוים טאר מען זיך נישט שפילן, און מען זאל דאס נישט אנווארפן מיט מיסט און דאס גלייכן.

ווי אויך טוט דער וועד העירוב דערמאנען איבער די פראבלעמען ביי קאנסטראקשן סייטס. דער פראבלעם פון קאנסטראקשען ביי די ערטער וואו עס לויפט דורך דער עירוב, איז פון די גרעסטע פראבלעמען וואס מאכן זיך ביי דעם עירוב, ובפרט ווען דאס איז א פריוואטער יחיד וואס פירט דורך א קלענערע ארבעט אן דעם וואס מען זאל וויסן דערפון און קענען פאראויס אפשמועסן דערוועגן, דעריבער איז וויכטיג אז איידער מען פירט דורך קאנסטראקשען אין אזעלכע געגנטער זאל מען זיך פארבינדן מיט'ן וועד העירוב אויפ'ן אויבנדערמאנטן נומער, כדי עס זאל ח"ו נישט ארויסקומען קיין מכשול.

רעדנדיג איבער די וויכטיגקייט אז יעדער זאל אנטיילנעמען אין די געוואלדיגע מצוה אפצוהיטן דעם עירוב, איז כדאי צו דערמאנען די מעשה וויאזוי רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט צוגעזאגט עולם הבא פאר הרה"ח ר' לייביש לעפקאוויטש ז"ל אין צוזאמענהאנג מיט'ן עירוב פון קרית יואל.

דאס איז געווען נאך איידער קרית יואל איז געגרינדעט געווארן, האט רביה"ק זי"ע אמאל אריבערגערופן ר' לייביש לעפקאוויטש ז"ל און ער האט אים געבעטן אז ער זאל זיך אריינלייגן צו זעהן אז דאס שטעטל זאל צושטאנד קומען, האט אים דער רבי דאן דערציילט די פאלגענדע מעשה.

דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט אמאל געזאגט פאר'ן סיגוט'ער ראש הקהל הרה"ח ר' משה ארי' פריינד ז"ל אז ער זאל זעהן צו מאכן אן עירוב אין די שטאט סיגוט, כדי אידן זאלן מעגן טראגן אום שבת, און דער ייטב לב האט אים מבטיח געווען עולם הבא בשכר זה. האט דער רבי דעמאלטס געזאגט פאר ר' לייביש: "אויב וועסטו מיר העלפן אויפשטעלן דעם שטעטל אויסער די שטאט, דארט וועט דאך אוודאי זיין אן עירוב, וועט די ברכה פונעם הייליגן זיידן דער ייטב לב מגין זיין אויף דיר און דו וועסט האבן א חלק לעולם הבא..."

שמחים לשמרו ולערב עירובו.

# געלעגנהייט פאר "נייע ביזנעסער" אין קרית יואל צו אפלייען פאר "מייקרא ענטערפרייז גרענטס"

**נייע קאמפאניס פארמירט אין די לעצטע 6 חדשים זענען בארעכטיגט צו אפלייען לויט די סטעיט רעגולאציעס**

אין א פרישע פאזיטיווע אנטוויקלונג פאר די עקאנאמישע דעוועלאפמענט אין קרית יואל, קומט א מעלדונג פון די ווילידזש אז עס וועט בס"ד זיין א פרישע מעגליכקייט פאר נייע ביזנעסער אין קרית יואל צו באקומען גאווערמענט גרענטס אין א פרואוו צו אויפבויען און פארברייטערן די דזשאב מארקעט אין קרית יואל.

דער ציל פון די גרענטס איז אז ניי-געעפנטע ביזנעסער זאלן זיך קענען אויפבויען דורך פארמאגן גענוג געלט צו אינוועסטירן אין אינווענטארי אדער מאשינערי, און דורך אויפנעמען נאך ארבעטס קראפט פאר דעם סוקסעס פון די ביזנעס.

די רעגולאציעס פון די גרענטס לויטן טאקע אז איינע פון די תנאים צו באקומען די גרענטס איז דאס אויפנעמען א נייעם ארבעטער אין די קאמפאני, וואס דאס איז אויך געצילט צו ברענגען מער דזשאבס אין די שטאט.

## די גרענטס פון די פריערדיגע יארן

קרית יואל האט שוין אין די פארגאנגענע יארן געשאפן רעגירונגס הילף פאר די ביזנעסער אין שטאט אויף פארשידענע אופנים. צום ערשט איז צוגעשטעלט געווארן "מייקרא ענטערפרייז אינטרעסט פרייע לאונס" וואס האט צוגעשטעלט לאנג טערמיניגע הלוואות אן קיין פראצענטן פאר די קלענער ביזנעסער, און מיט עטליכע יאר שפעטער האט די ווילידזש בס"ד באוויזן צו שאפן די הילף אין פארעם פון "גרענטס" וואס מען דארף נישט צוריקצאלן.

ביידע פראגראמען זענען ב"ה געווען א געוואלדיגע הילף פאר די קלענערע ביזנעסער און א שטארקער שטופ אויף פאראויס פאר די לאקאלע עקאנאמיע אין קרית יואל.

נאך די געוואלדיגע הצלחה פון די ערשטע גרופע ביזנעסער וועלכע האבן אפלייעט און באקומען די גרענטס, האט די ווילידזש זיך תיכף אריינגעווארפן אין די לענג און די ברייט צו קענען אפלייען פאר פרישע געלטער וואס וועט בעז"ה קענען זיין א געוואלדיגע הילף פאר די עקאנאמיע אין קרית יואל.

## די קוואליפיצירטע צום פראגראם

זעלבסטפארשטענדליך אז די אלע גרענטס זענען שטארק געצוימט לויט די רעגולאציעס און פארשריפטן פון די גאווערמענט וויאזוי זיי טיילן אויס די גרענטס, וועלכע ביזנעסער זענען לויט זייערע פארשריפטן בארעכטיגט צו געניסן פון די גרענטס און וועלכע נישט, אבער די ווילידזש האט נישט ארויסגעלאזט אזא געלעגנהייט צו ברענגען דעם פראגראם קיין קרית יואל, אז לכה"פ די צאל ביזנעסער וואס וועלן זיין אין איינקלאנג מיט די רעגולאציעס און פארשריפטן פון דעם פראגראם זאלן קענען געניסן דערפון און באקומען הילף אויפצובויען זייער ביזנעס און שאפן פרישע דזשאבס פאר תושבי קרית יואל.

די פריערדיגע גרענטס זענען נישט געווען געצוימט דוקא צו נייע ביזנעסער, אבער ביי די יעצטיגע גרענטס האט די רעגירונג ספעציעל געלייגט א דגוש פאר נייע ביזנעסער וואס האבן זיך געעפנט אין די לעצטע 6 חדשים אז זיי זאלן באקומען דעם נויטיגן שטופ פאראויס צו שטעלן די ביזנעס אויף די פיס.

## די יעצטיגע גרענטס פאר קרית יואל

דער יעצטיגער פראגראם וועט ערמעגליכן פאר א צאל נייע ביזנעסער צו געניסן פון א באדייטענדע מתנה פון 20,000$ פער ביזנעס, די גרענטס וועלן אויסגעטיילט ווערן דורך א גורל צווישן די אפליקאנטן וואס וועלן נאכקומען די סטעיט פארשריפטן צו קענען געניסן פון דעם פראגראם.

די סומע פון 20,000$ טראגט מיט זיך גאר א שטארקן באדייט פאר א נייע ביזנעס וואס ברויך אינוועסטירן אסאך געלט אין אנהויב צו קענען זיך שטעלן אויף די פיס, און דערפאר איז דאס א שטארקע דורכברוך פאר די ביזנעס אייגענטומער אז עס ווערט צוגעשטעלט אזא געלעגנהייט.

## די פארלאנגטע ביזנעס טרענירונג קלאַסן

איינע פון די רעגירונגס פארשריפטן צו קענען באשטעטיגט ווערן צו דעם גרענט, איז דער פארלאנג אז דער ביזנעס אייגענטומער זאל אריבערגיין א טרעינינג קורס איבער קלענערע ביזנעס אנגעלעגנהייטן, וואס די קאסטן פון די טרענירונג קלאסן ווערט אריינגערעכנט אין דעם גרענט וואס דאס ווערט באצאלט דורך די רעגירונג.

די סיבה דערצו איז ווייל די

(פארזעצונג אויף זייט 22)


**VILLAGE OF KIRYAS JOEL**

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949

Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

# פרייליכע מעלדונג

מיר ווילן מעלדן פאר אלע

**אייגענטומער פון נייע ביזנעסער אין קרית יואל**

אז עס איז יעצט דא א מעגליכקייט צו אפלייען פאר א

# Micro Enterprise Economic Development Grant Program

וואס וועט געבן א מעגליכקייט פאר קלענערע ביזנעסער צו באקומען רעגירונגס הילף אויפצובויען און פארברייטערן די ביזנעס.

**צו זיין בארעכטיגט פאר דעם גרענט פארלאנגט זיך ווי פאלגענד:**

- א ביזנעס וואס איז געעפנט געווארן אין די לעצטע 6 חדשים.
- א קאמערציאלע ביזנעס פון 5 אדער ווייניגער פול טיים ארבעטער, לכה"פ איינער דארף זיין דער אייגענטומער בשעת מען אפלייעט פאר דעם גרענט.
- דאס געלט קען גענוצט ווערן איינצוהאנדלען מאשינען; פוירניטשור און עקוויפמענט; בילדינג קאנסטראקשן און רענאוואציעס; איינצוקויפן אינווענטארי; און טרעינינג אויסגאבן פאר די ארבייטער.
- דער בעה"ב דארף צולייגן 10% פון די קאסטן פונעם פראיעקט, כדי צו קענען געניסן פון דעם גרענט.
- אלע וואס וועלן באשטעטיגט ווערן צו דעם גרענט וועלן דארפן אריבערגיין א טרעינינג קורס איבער קלענערע ביזנעס איינגעלעגנהייטן, וואס דאס וועט ווערן אראפגערעכנט פון דעם גרענט.

אינטערעסירטע דארפן אויספולן א "פרי–אפליקאציע פארעם",
מען קען באקומען אפליקאציעס אין ווילידזש אפיס

**פאר מער אינפארמאציע קענט איר זיך פארבינדן מיט ר' משה גרובער הי"ו**

**783-8300 # 211**

מיט דאנק **די ווילידזש**

# חברים אָרגאַניזאַציע צייכנט אָפּ פערטע סוקסעספולע יאָר פון אויטאָ אינספעקציעס

## נאָבעלע סערווים ווידעראַמאָל דורכגעפירט גענצליך שלא על מנת לקבל פרס

קרית יואל. - די חברים אָרגאַניזאַציע האָט היי יאָר בעפאָר דעם זומער פריש דורכגעפירט איר יערליכע אויטאָ אינספעקציע, וועלכע איז דאָס מאָל, אַזוי ווי אַלע פריערדיגע יאָרן, דורכגעאַנגען מיט גרויס סוקסעס.

עס איז שוין דאָס פערטע יאָר וואָס די חברים אינספעקציע ווערט דורכגעפירט און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ רעטונג פאַר פילע אידן און האָט אָפּגעראַטעוועט אידן פון אַ געוואַלד מיט צער ועגמת נפש, געלט שאָדנס און אַפילו פיקוח נפש צושטאַנדן.

פילע מענטשן זענען נישט באַהאַוונט וואָס טוט זיך אין די קושקעס פון זייערע אויטאָס, און עס שטעלט זיך אַרויס אַז מען פאָרט אַרום מיט פעלערהאַפטיגע אויטאָס וואָס האָבן פּראָבלעמען וואָס קענען גורם זיין אַ געוואַלד מיט שאָדנס און אויך פיקוח נפש, צב״ש ווען מען ווערט געשטראַנדעט אין ווינטער אין די פראָסטן אויפ׳ן שאָסיי, אָדער אַן אונטערגעבלאָזענעם ראָד וואָס פלאַצט ווען מען פאָרט מיט אַ שנעלקייט אויפ׳ן הויפּט שאָסיי.

די חברים אויטאָ אינספעקציעס זענען געגרינדעט געוואָרן טאַקע נאָכדעם וואָס מען האָט איינגעזען אַז מיט פּאַרמיידונג קען מען אויסמיידן אַ געוואַלד מיט זאַכן וואָס ברענגען אַרבעט פאַר די חברים מיטגלידער, און שפּאָרן פאַר אַסאַך אידן אַ געוואַלד מיט צער ועגמת נפש און געלט שאָדן.

נאָכמער זענען די חברים מיטגלידער אונטערגעטריבן געוואָרן דורכצופירן די אינספעקציעס זעענדיג אַז פּראָבלעמען קענען זיך מאַכן אַפילו ביי שפּאָגל נייע אויטאָס, און עמיצער וואָס איז נישט באַהאַוונט מיט די פאַרשידענע פליסיגקייטן וואָס אַן אויטאָ פאַרמאָגט, קען אַוועקפאָרן פונעם דילער מיט׳ן נייעם אויטאָ אָן קיין אויל אינעם מאָטאָר.

היי-יאָר האָט מען דאָס צוגעגרייט אויף אַ ספּעציעלן ברייטן פאַרנעם, מען האָט דאָס אָנגעגרייט אינעם ״פּאַרק ענד רייד״ פּאַרקינג לאַט אויף בעיקערטאַון ראָוד וואו מען האָט אַראַנדזשירט דעם גאַנצן אויסשטעל, די סטאַנציעס, די באַריקאַדן, די באַלייכטונגען, און די חברים מיטגלידער איש על מחנהו ואיש על דגלו, כדי די אינספּעקציעס זאָלן גיין פלינק און געשווינד און מען זאָל נישט אויפהאַלטן מענטשן לענגער ווי פאַרלאַנגט.

דער נייער סדר האָט זיך גוט אויסגעצאָלט, און מען האָט באַוויזן צו סערווירן אַ געשאַצטע 300-400 אויטאָס אין די געציילטע שעה׳ן פון פינף אַזייגער נאָכמיטאָג ביז צען אַזייגער

(פאַרזעצונג אויף זייט 25)




# פרישע באס צוגעלייגט צו די טעגליכע טראנספארטאציע רוט פון ״טעם זקנים״ נאך פארגרעסערטע נאכפראגע

## עלטערע ״זומער געסט״ באגייסטערט פון אויסנאמליכע געשמאקע פראגראמען

די גרויסע נאכפראגע נאך די בארימטע סערוויסעס פון די ״טעם זקנים״ סיניאר דיינינג פראגראמען האבן געברענגט אז מען האט געמוזט צולייגן א צווייטן באס צום טעגליכן טראנספארטאציע רוט וואס פירט די עלטערע איינוואוינער מיט א טיר-צו-טיר סערוויס צו די פראגראמען און צוריק אהיים.

דער נאבעלער ״טעם זקנים״ פראגראם איז שוין היינט ברייט בארימט און באקאנט מיט די טעגליכע פראגראמען ארויסצוהעלפן די עלטערע פרויען אין קרית יואל מיט לעבהאפטע אקטיוויטעטן, ווי עס פארדינען זיך די באבעס פון כלל ישראל.

די עלטערע פרויען באקומען א באס רייזע טעגליך צום געביידע פון אשת חיל - אהל חנה רחל, וואו זיי באקומען געשמאקע סעודות, און פארברענגען אין אן אנגענעמען אטמאספערע.

אויסער די טעגליכע געשמאקע מיטאג מאלצייטן, ווערט צוגעשטעלט פילצאליגע סערוויסעס פאר די עלטערע איינוואוינער אין די גאלדענע יארן בליעה״ר, א שטייגער ווי איבונגען און ספעציעלע שיעורים, וואס דאס טוט אריינבלאזן אין זיי א חיות און א פרישקייט אין דעם טאג טעגליכן לעבן.

אין די יעצטיגע זומער חדשים ווען מערערע אויסשטאטישע איינוואוינער ווילן אין קרית יואל, האבן די עלטערע ״זומער געסט״ אויסגענוצט די געלעגנהייט צו געניסן פון די געשמאקע פראגראמען. די זומער געסט זענען געווען גאר באגייסטערט פון די געוואליגע איבערגעגעבענע סערוויסעס וואס ווערט צוגעשטעלט דאהי אויף אן אופן וואס מען זעהט נישט אין ערגעץ אפילו אין אנדערע מקומות וואו עס ווערט צוגעשטעלט פראגראמען פאר עלטערע לייט.

מער פון אלעם האבן זיי אויסגערימט דעם ווארעמקייט מיט וואס אלעס ווערט באגלייט, די ווארימע אויפנאמע וואס יעדער באקומט, און דעם ספעציעלן געשמאק מיט וואס די היימישע עסן ווערט סערווירט, די שיינע שיעורים וואס ווערן צוגעשטעלט, און פון דעם הויכן סטאנדארט מיט וואס אלעס ווערט צוגעשטעלט אויף אזא רחבות׳דיגן פארנעם.

באזונדער ווערט צוגעשטעלט שיינע פראגראמען אין די טעג פון א יומא דפגרא, ווי למשל לכבוד ראש חודש, אדער לכבוד שבת נחמו, אין אזא געלעגנהייט ווערט סערווירט א באזונדערע מאכל לכבוד דעם טאג, און עס ווערט אמאל גערופן א באזונדערע גאסט רעדנער וואס האלט אינהאלטסרייכע דרשות.

אויך די טראנספארטאציע ווערט געפירט מיט א געוואלדיגע געלאסנקייט און רואיגקייט, דורך ספעציעלע באס דרייווערס וואס געבן זיך אפ מיט געדולד אפצוווארטן די עלטערע איינוואוינער און זיי פירן צום פראגראם, און ווי געזאגט האט מען טאקע געדארפט צולייגן נאך א באס צו קענען נאכקומען די פארגרעסערטע נאכפראגע פאר די סערוויסעס.

די עלטערע איינוואוינער קוקן טאקע ארויס אויף די טעגליכע געשמאקע פראגראמען, וועלכע ווערט באגלייט מיט׳ן הייליגן ציל פאר די אויגן: נאכצוקומען די געברויכן פון די חשוב׳ע עלטערע איינוואוינער מיט׳ן גרעסטן מאס כבוד און סענסיטיווקייט, מקיים צו זיין דעם ״והדרת פני זקן״ מיט אלע פירושים.

והדרת פני זקן.

# ווילידזש באס פארט צום ״פארמערס מארקעט״ יעדן מיטוואך אין די זומער חדשים

היי יאר זומער האט זיך ווי געווענליך נאכאמאל געעפנט די לאקאלע פארמערס מארקעט, וואס איז סטאנציאנירט ביי מוזיאום ווילידזש אויפ׳ן רוט 17M, וואו די איינוואוינער פון קרית יואל האבן די מעגליכקייט צו געניסן פון די פיינע פרישע געשמאקע פרוכט און גרינצייג וואס ווערט פארקויפט אין די זומער חדשים.

דער סערוויס ווערט צוגעשטעלט אין די זומער חדשים, היי-יאר ביז צוויי וואכן נאך סוכות אקטאובער 24 למספ׳, אין די צייט וואס מען שניידט די פריש-געוואקסענע פרוכטן און גרינצייג אין די לאקאלע פארעמס. די פארמערס מארקעט איז אפן יעדן טאג אין אן אנדערן לאקאל, און דאהי אין מאנרא זענען זיי אפן יעדן מיטוואך פון 9:00 אינדערפרי ביז 3:00 נאכמיטאג.

דער געווענליכער באס רוט פונעם ווילידזש פארט נישט געווענליך ביז אהין, אבער אין די זומער חדשים ווערט ספעציעל צוגעשטעלט דער באס יעדן מיטוואך, כדי איינוואוינער זאלן קענען אנקומען צום פארמערס מארקעט. די טעגליכע ״טאון רוט״ פארט יעדן מיטוואך צו דעם פארמערס מארקעט אראפצולייגן די פאסאנדזשירן.

היי יאר האט די טראנספארטאציע דעפארטמענט געמאלדן אז די פאסאנדזשירן וואס פארן צום פארמערס מארקעט זאלן מעלדן פאר׳ן דרייווער ביים ארויפקומען אויפ׳ן באס אז זיי ווילן פארן צום פארמערס מארקעט, כדי דער באס זאל אהינפארן אין יענעם ריכטונג.

פילע איינוואוינער באנוצן זיך יערליך מיט׳ן ווילידזש באס אנצוקומען צום פארמערס מארקעט. דער פארמערס מארקעט אין דעם מאנרא לאקאל נעמט נישט אן קיין פוד סטעמפס, אבער קומט שטארק צוניץ פאר פאמיליעס וועלכע זענען בארעכטיגט צו געניסן פונעם שטאטישן ״וויק״ פראגראם וואס סערווירט אויך די מיטל קלאס פארדינער - ווי למשל א משפחה מיט 4 קינדער (און כאטש איינער איז אונטער 5 יאר אלט) מעג פארדינען ביז 1,100 א וואך - און דער ״וויק״ אפיס טיילט אוועק אומזיסט ספעציעלע פארמערס מארקעט קיופאנס.

״הקריה״
HAKIRYAH
3 Chevron Rd. #3A
Monroe, NY 10950
**Fax:** 845-774-7945
**Email:** hakiryah@gmail.com

**אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע, ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן וויאזוי צו פארבעסערן אונזער/אייער אויסגאבע, ביטע שיקט אריין אויף דעם אויבנדערמאנטן אדרעסס. אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע אויף אייער פארלאנג.**

Not responsible for typographical errors or opinions expressed by the writers or advertisers. No part of this publication may be reproduced in any form without written consent of the publisher.

# העפטיגע בוי-ארבעט אהערצושטעלן ״קינדער פארק פאזע״ אינעם בארימטן ״רוח החיים קור ארט״

## וועט שוין בעזהשי״ת שטיין צום באנוץ ביז א קורצע צייט - שפילצייגן פאר׳ן קינדער פארק ווערן שוין צוגעגרייט

דער ״רוח החיים קור ארט״ איז פארגאנגענעם חול המועד פסח העעל״ט געווען דאס געשפרעך פון טאג ביים גרעסערן טייל פון די תושבי העיר, וועלכע האבן דאן באקומען א נענטערן בליק אריין אין די אומגעהויערע פעולות וואס די הנהלת הווילידזש האט שוין אריינגעלייגט אין די לעצטע יארן און חדשים, וואס עס קאסט אפ בלויז דאס פלאנירן אהערצושטעלן אזא פארצווייגטן פראיעקט.

פון איין זייט האט מען ביים ציבור געהערט גאר צופרידענע רעאקציעס, אבער פון די אנדערע זייט האט מען געהערט דעם נאטורליכן דברת בני אדם, אז עס וועט נאך געוויס געדויערן א שיינע פאר יאר ביז דער פלאן וועט גענצליך פארווירקליכט ווערן... און באמת, אין געווענליכע אומשטענדן פאדערט זיך טאקע אז דאס אהערשטעלן אזא מעכטיגן פראיעקט זאל אריינציען אין ארבעט פון יארן יארן לאנג, ביז מ׳איז מצליח אלעס צו ערלעדיגן, און מסדר זיין אלע ביוראקראטישע און טעכנישע איינצלהייטן.

אבער אן אויסנאם איז פארט דער רוח החיים קור ארט בכלל, ובפרט דער ״קינדער פארק פאזע״ אינערהאלב דעם פראיעקט, וועלכע וועט שוין בקרוב זיין א ווירקליכער פאקט. און נישט צוליב וואס עס האט נישט אויסגעפעלט קיין ארבעט דערצו... ווען די באריכטן איבער דעם פראיעקט זענען פארגאנגענעם חוה״מ פסח ערשינען אין די פאסט-קעסטלעך פון די תושבי עירינו, איז דאס שוין געקומען נאך חדשים און יארן פון פלאנירונגען און העפטיגע שתדלנות פאר דעם פראיעקט, אזוי אז פון ״אומר״ ביז ״עושה״ געדויערט שוין ב״ה נישט קיין לאנגע צייט.

דער גאנצער ״רוח החיים פראיעקט״ ווערט אונטערגענומען פאר׳ן תועלת פון די תושבי עירינו, אבער אינעם גאנצן פראיעקט זעלבסט איז ווארשיינליך דאס וויכטיגסטע דערפון, דער ״קינדער פארק״ אויף וואס די תושבי עירינו קוקן אזוי שטארק ארויס בכליון עינים. שוין יארן לאנג וואס מ׳הערט דעם פארלאנג פונעם ציבור פאר אזא פארק, הן אז מ׳זאל נישט דארפן זיין געצווינגען צו גיין צו פארקס אין די ארומיגע גוי׳אישע געגנטער, וועלכע קען ח״ו זיין א סכנה ברוחניות ובגשמיות, און הן פאר די וואס גייען טאקע נישט צו די אלע פלעצער מפני הסכנה, קוקן אבער שוין לאנג ארויס אז עס זאל אהערגעשטעלט ווערן אזא פארק וואו מ׳זאל קענען רואיג פארברענגען מיט די קינדער, מיט רואיגקייט און מנוחת הנפש, אן קיין שום זייטיגע איבלען.

א קורצע צייט נאכ׳ן פארעפנטליכן די פלענער איבער׳ן רוח החיים קור ארט, זענען די געטרייע ווילידזש באאמטע שוין געזיצן מיט בארימטע מומחים און דעזיגנירט די פונקטליכע שטחים אינעם רוח החיים פראיעקט, וואו עס וועט אי״ה אהערגעשטעלט ווערן דער נייער ״קינדער פארק״.

מיט א יאר צוריק האט זיך אנגעהויבן די מאסיווע קאנסטראקציע ארבעט, אויסצוגראדן דעם גאנצן שטח ארום, אריינציען דרעינידזש און אנדערע רענאוואציעס וואס פעלט זיך אויס אהערצושטעלן דעם באדן, אז עס זאל זיין פאסיג דארט אויפצובויען אין א שפעטערדיגע פאזע דעם קינדער-

(פארזעצונג אויף זייט 22)

# ״רוח החיים קור ארט״ געשפרעך פון טאג ביי קרית יואל׳ער משפחות זינט חול המועד פסח העעל״ט

א שיינע פאר חדשים זענען שוין דורכגעלאפן זינט די ימי חג הפסח העעל״ט ביז צום שרייבן די שורות שוין נאך חמשה עשר באב, אבער ביי טאטעס און מאמעס איז נאך אלץ דער געשפרעך דער גראנדיעזער ״רוח החיים קור ארט״ וואס כשמו כן הוא האט עס ריכטיג אריינגעברענגט א רוח חיים ביים גאנצן ציבור וועלכע פאראינטערעסירן זיך אויף די פרטים, און קוקן ארויס בכליון עינים אז דער פראיעקט זאל וואס פריער צושטאנד קומען.

״אויף דעם האב איך מיך נישט גערישט״ - איז געווען די רעאקציע פון מערערע תושבים, נאכ׳ן ערהאלטן דעם הערליך קאלירטן בראשור, וועלכע איז ערשינען אינמיטן די ימי חג הפסח העעל״ט, און האט אנטהאלטן דעטאלירטע פרטים איבער דעם ריזיגן פראיעקט וואס ווערט אהערגעשטעלט דורך די הנהלת הווילידזש ספעציעל פאר׳ן תועלת פון די תושבי הקרי׳.

ס׳איז געוויס נישט געווען דאס ערשטע מאל וואס מ׳האט געהערט אז עס קאכט זיך א נייער פראיעקט דורכ׳ן ווילידזש. דא און דארט האט מען שוין ביז היינט אויך געהערט פארשידענע באריכטן איבער א קינדער-פארק וואס דער ווילידזש פלאנט אויפצובויען, און ווער עס איז געגאנגען אביסל ברייטער און טיפער האט פארשטאנען אז אויב עס ווערט פלאנירט און אהערגעשטעלט דורך אידן מיט א היימישן געפיל, וועט עס קיין ״מאנרא פארק״ נישט זיין... עס וועט זיין פיל אינטערעסאנטער און סאך מער צוגעשטעלט פאר׳ן געברויך פון די קינדער. אבער דאס אז עס ווערט גאר פלאנירט אזא מאסיווער פראיעקט, אויף דעם האט זיך שוין קיינער נישט גערעכטן. ״עס איז אונז אמת׳דיגע געווען א סורפרייז״ - האט זיך געהערט אויף איינס פון די צענדליגער דאנק-מעסעדזשעס וואס האבן אריינגעפלאסן אין די טעג נאכ׳ן ערשיינונג פונעם

(פארזעצונג אויף זייט 22)

# אויסגעפלאסטערט נייעם ראוד פון לארקין דרייוו צו די נייע רוח החיים פראיעקטן

## פירט צו: א) עטליכע קוועלער און דערנעבענדיגן ״פילטער סיסטעם״ און ב) צום גרויסן ״רוח החיים פראיעקט״

אין די טעג ווערט בזהשי״ת פארענדיגט דער מאסיווער אונטערנעמונג, אויפצובויען און אויסצופלאסטערן דעם גרויסן ״רוח החיים ראוד״ אויף די לארקין גאס וועלכע דינט אלס צענטראלע אריינגאנג צו עטליכע וויכטיגע פראיעקטן לטובת די תושבי הקרי׳, הויפטזעכליך צו צוויי צענטראלע פראיעקטן, סיי צום גרויסן שטח וואו עס זענען פארהאן עטליכע וואסער-קוועלער פאר׳ן געברויך פון די תושבי עירינו, און גלייכצייטיג צו די נייע ״רוח החיים פראיעקטן״ וועלכע ברענגט דאס בעזהשי״ת א טריט נענטער זיך צו קענען באנוצן דערמיט.

### נייער פילטער סיסטעם

דער נייער ראוד וואס איז אויסגעפלאסטערט געווארן קומט אייגנטליך אין צוזאמענהאג מיט א מאסיווע קאנסטראקציע ארבעט וואס ווערט אין די זעלבע צייט דורכגעפירט אויף דעם שטח. עס איז די רעדע פונעם שטח וועלכע איז שוין אפגעקויפט געווארן דורכ׳ן ווילידזש מיט 15 יאר צוריק, און א גרויס חלק דערפון איז לעצטנס באשטימט געווארן אויפצושטעלן דעם גרויסן אזוי-ערווארטעטער ״רוח החיים פראיעקט״. הארט דערנעבן האט דער ״וואסער דעפארטמענט״ פונעם ווילידזש געגראבן במשך די יארן עטליכע קוועלער פאר׳ן וואסער-באנוץ פון די תושבי הקרי׳.

צווישן די קוועלער איז דאס מערסטע אפעקטיוו דער ״קוואל #28״ וועלכע איז גאר שטארק פראדוקטיוו, און געט ארויס צענדליגער טויזנטער גאלאן וואסער יעדע שעה, אזש אז אזויפיל ווי א ״פערטל״ פונעם וואסער-געברויך אין גאנץ קרית יואל קומט פון די קוועלער!

נעבן די אלע קוועלער געפינען זיך ספעציעלע פילטערינג סיסטעמען, וואו דאס וואסער גייט דורך גלייך נאכ׳ן ארויסגעשעפט ווערן פונעם קוואל. דארט ווערט דאס וואסער גערייניגט איידער עס קומט אריין אין די וואסער קראנען פון יעדן אינדערהיים. דאס פילטערן איז זייער א קאמפליצירטע סיסטעם, און ווי פארשטענדליך אז ווי מער וואסער א קוואל געט ארויס, אלס מער קאסטבאר איז דער סיסטעם וואס פעלט זיך אויס צו קענען רייניגן דאס וואסער דערפון.

ביי איינס פון די רעגלמעסיגע טעסטן מיט א צייט צוריק, האט די רעגירונג פארלאנגט אז ביים גרויסן ״קוואל #28״ זאל אויפגעבויט ווערן א נייער און מער פארגעשריטענער פילטערינג סיסטעם, וואס איז מער גרונטליך און מער אפעקטיוו לויט וויאזוי זיי פארלאנגען פאר אזא מאסיוון קוואל.

דער ווילידזש האט זיך באלד אריינגעלייגט אין דעם פראיעקט, און מ׳האט אנגעהויבן די ארבעט אויפצובויען דעם מעכטיגן פילטער וואס האט אפגעקאסט שווערע געלטער, אלעס נאר צו פארזיכערן בעזהשי״ת אז דאס וואסער וואס קומט אריין צו יעדן אינדערהיים איז דאס מערסטע געזונט און גערייניגט.

אגב, דאס אהערשטעלן דעם נייעם פילטער סיסטעם האט אפגעצייכנט א פרישן סוקסעס פאר די שטאט קרית יואל. אייגנטליך איז דער פילטער סיסטעם אהערגעשטעלט געווארן פאר׳ן געברויך פון די טויזענטער משפחות און צענדליגער טויזענטער נפשות בליעה״ר וכ״י וואס וואוינען אין די שטאט, אבער גלייכצייטיג האבן דערפון ספעציעל נהנה געווען נאנט צו צען משפחות, און

(פארזעצונג אויף זייט 22)






לכבוד "הקריה":

איך האָף אַז כ'וועל קענען צוזאמהאלטן מיינע געפילן און שרייבן דעם בריוו ביז'ן ענדע, ווייל דערווייל בין איך נאָך זייער צעשאקלט פון עפעס וואָס כ'האָב נאָרוואָס מיטגעהאַלטן ווען איך האָב באַזוכט מיינס א קרוב אין די וועסטשעסטער שפיטאָל. ס'איז מיר שווער, אָבער איך שפיר פאַר א חוב דאָס צו אויפמערקזאַם מאַכן און איך האָף איר וועט פאַרעפנטליכן מיינע ווערטער.

זייענדיג אינעם וועסטשעסטער שפיטאָל, אויף א באַזוך ביי מיין קרוב וועלכער איז דאָרטן פאַר טריעטמענטס פון די ביטערע מחלה ל"ע, האָב איך געזען א גרופע אידישע עסקנים רודערן אַרום אין איינס פון די הויפט קאָרידאָרן אינעם שפיטאָל.

איך בין געווען זייער געשפאַנט און כ'האָב געקלערט אַז איך קען מעגליך אַרויסהעלפן מיט עפעס. איך בין דעריבער צוגעגאַנגען צו די גרופע און זיי געפרעגט איבער וואָס עס רודערט זיך. איינער פון די גרופע, וועלכע זענען געווען פון א חברה הצלה אין די געגנט, האָט מיר אינפאָרמירט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן טאָן איבער א אידישער בחור וועלכער געפינט זיך דאָ אינעם שפיטאָל און דער מצב איז זייער נישט גוט.

דער הצלה וואָלונטיר דערציילט מיר איבער דעם בחור'ל וועלכער איז אַריינגעברענגט געוואָרן אינעם שפיטאָל מיט איבער א וואָך צוריק, נאָכדעם וואָס ער איז אַראָפּגעפאַלן פון זיין ביציקל און ער איז נישט ביים באַוואוסטזיין. "ער איז געגאַנגען מיט א העלמעט און איז אַראָפּגעפלויגן זייער שנעל א באַרג" - זאָגט מיר דער הצלה מעמבער. "ניטאַמאָל האָט אים א קאַר אַראָפּגעקלאַפּט ח"ו, נאָר ער איז פשוט אַראָפּגעפאַלן פונעם ביציקל און זיך שטאַרק צעקלאַפּט אין קאָפּ".

ווען איך האָב זיך אַביסל מער פאַראינטערעסירט אינעם מצב פון דעם בחור, האָבן מיר די וואָלונטירן דערציילט אַז דער בחור איז שוין לײַדער נישט ביי זיך פאַר איבער א וואָך צייט! די דאָקטוירים האָבן אים אויך איינגעשלעפט פאַר אַפּאָר טעג, וועלנדיג זעהן צי דאָס וועט פאַרבעסערן זיין מצב, אָבער לײַדער האָבן זיי געזען אַז דער מצב איז נאָך ווייט פון גוט.

די עלטערן פונעם בחור שטייען ביים בעטל פון זייער באַ'חנ'ט קינד און זיי ווילן זיך נישט אַוועקרירן. זיי פאַרגיסן טייכן טרערן און שטייען מיט פאַרלייגטע הענט, נישט וויסנדיג וואו זיך צו ווענדן און וואָס צו טאָן ווייטער. ווען איך בין געגאַנגען צו די עלטערן געבן א ווארט חיזוק, האָט דער פאָטער זיך אויסגערעדט פאַר מיר מיט א ביטערניש, ממש אַז ס'איז געווען נישט צום אויסהאַלטן די צער און ווייטאָג פון א טאַטע.

שרייבנדיג די שורות, בין איך נאָרוואָס אַריינגעקומען אַהיים פונעם באַזוך אין שפיטאָל און איך שפיר אַז פון הימל האָט מען מיר געשיקט ווי א גוטער שליח, אַז כאָטש עפעס ליכטיגקייט זאל אַרויסקומען פונעם פינסטערן מצב אין וועלכע דער בחור געפינט זיך.

קוקנדיג דאָ אין שטאָט קרית יואל, זעהט מען לעצטנס אַז דער ענין פון פאָרן אויף ביציקלעך איז צוריק איינגעריסן געוואָרן אויף א שטאַרקן פאַרנעם, און ס'איז ממש נישט צום פאַרשטיין וויאַזוי עלטערן נעמען אויף זיך די אחריות פון לאָזן זייער קינד פאָרן אויף אַזאַ סאָרט זאַך וואָס האָט שוין געברענגט אומצאָליגע טראַגעדיעס.

איך בין געגאַנגען צו אן עקספערט זאל מיר אַפירזוכן די סטאַטיסטיקס איבער דעם, ווייל איך שפיר אַז דאָס וועט צוהעלפן צו אויפקלערן די עלטערן איבער דעם געפאַר. עס שטעלט זיך אַרויס אַז אין אַמעריקע ווערן אַזויפיל ווי פינף הונדערט טויזנט מענטשן יערליך אַריינגעפירט אין עמורדזשענסי רום פאַר וואונדן געליטן דורך ביציקל אינצידענטן, און אַזויפיל ווי 700 מענטשן שטאַרבן יערליך פון אַזעלכע אינצידענטן!

די ציפערן זענען דאָך שרעקליך! וויאַזוי קענען מיר עלטערן לאָזן אונזערע קינדער פאָרן אויף אַזאַ זאַך וואָס ברענגט מיט זיך אַזויפיל געפאַרן? נאָכדערצו נאָכדעם וואָס כ"ק אדמו"ר שליט"א און דער חשוב'ער דיין שליט"א האָבן שוין עטליכע מאָל קלאָר אַרויסגעברענגט אַז חמירא סכנתא מאיסורא, און מ'טאָר נישט פאָרן אויף דעם סאָרט ביציקל.

און אפילו ווען מען נוצט יאָ א "העלמעט" צו פאָרן אויף א ביציקל, זעהט מען דאָך קלאָר פון דעם אינצידענט מיט'ן בחור, אַז דאָס העלפט נישט שטענדיג, און אויב אַזוי פאַרוואָס זאל מען מיט די אייגענע הענט אַריינלייגן אונזערע קינדער אין אַזאַ סכנה?

איך האָף אַז די ווערטער וועט געזען ווערן דורך יעדן איינעם און עלטערן וואָס ליינען דאָס, זאלן דאָס גוט אַריינעמען און פאַרשטיין דעם געפאַר פון די זאַך, און מער נישט לאָזן די קינדער פאָרן אויף די ביציקלעך, און אינעם זכות וואָס מיר וועלן מקיים זיין דעם "ונשמרתם מאוד לנפשותיכם", וועט דער באַשעפער טאַקע אונז אָפּהיטן פון אַלע סכנות און געפאַרן ברוחניות און בגשמיות, אמן.

*י. ל.*

***



## אינפארמאציע און באריכטן פון סאשעל סעקיוריטי דעפארטמענט

אנגעפאנגען אינעם היינטיגן נומער, וועלן מיר אייך כסדר ברענגען באריכטן און פארשידענע וויכטיגע אינפארמאציע פונעם סאשעל סעקיוריטי דעפארטמענט, וואס קען שטארק צוניץ קומען פאר די חשוב'ע איינוואוינער שיחיו, ובפרט פאר די וואס געניסן פון סאשעל סעקיוירטי בענעפיטס און SSI.

שוין עטליכע יאר איז איינגעשטעלט דער סדר, אז א פארשטייער פונעם סאשעל סעקיוריטי אמיניסטראציע אין ניובורג קומט צום ווילידזש אפיס איינמאל א חודש, מסדר צו זיין נייע סאשעל סעקיוריטי קארטלעך, און אלע אנדערע סאשעל סעקיוריטי סערוויסעס, צב"ש מעדיקעיר, SSI, רעטייערמענט, דיסעביליטי און סירוויייערס בענעפיטס.

במשך די יארן האבן די ווילידזש באאמטע איינגעזען, אז פארשידענע פראבלעמען און מיספארשטענדענישן וואלטן געקענט פארמיטן ווערן ווען די איינוואוינער וואלטן געוואוסט אביסל מער איבער די פארשידענע פראצעדורן.

דערפאר האט די ווילידזש פארוואלטונג איינגעזען לתועלת הענין, זיך צו פארבינדן מיט'ן סאשעל סעקיוריטי אדמיניסטראציע, צו הערן פון זיי פארשידענע אינפארמאציע און אפדעיטס איבער נייע פארשריפטן אדער רעגולאציעס וואס ווערן כסדר צוגעלייגט דורך די רעגירונג.

אנגעפאנגען פון היינטיגן חודש, ברענגען מיר אייך פארשידענע וויכטיגע אינפארמאציע וואס קען צוניץ קומען פאר אונזערע חשוב'ע ליינער שיחיו. אויב ווייסט איר איינעם אין די משפחה אדער פריינט וכדומה וואס קען הנאה האבן דערפון, לאזט אים וויסן דערפון!

די ליינער זענען געלאדענט אריינצושיקן שאלות צו די רעדאקציע, און מ'וועט עס אי"ה פארלייגן פאר די באאמטע און צוריקקומען מיט אן ענטפער.

***

## זומער איז די פאסיגסטע צייט צו טוישן צו "עלעקטראניק פעימענטס"

ווען איר פארט אוועק פונדערהיים, ווילט איר נישט דארפן זיך זארגן וויאזוי איר וועט באקומען אייער קומענדיגע חודש'ליכע סאשעל סעקיוריטי פעימענט. דערפאר איז וויכטיג אז יעדער וואס באקומט "סאשעל סעקיוריטי" אדער "סופלעמענטעל סעקיוריטי אינקאם" (SSI) בענעפיטן, זאל זיך איינשרייבן צו באקומען עלעקטראנישע פעימענטס.

היינט צו טאגס באקומט כמעט יעדער זייערע פעימענטס עלעקטראניש. בערך 90 פון אלע סאשעל סעקיוריטי און SSI געניסער באקומען זייערע פעימענטס עלעקטראניש. דער צאל ווערט כסדר העכער, ווייל דער געזעץ פארלאנגט אז ביז March 1,'13 זאלן אלע פעדעראלע בענעפיט פעימענטס - אריינגערעכנט סאשעל סעקיוריטי און SSI פעימענטס, געמאכט ווערן עלעקטראניש. אויב באקומט איר סאשעל סעקיוריטי אדער SSI, קענט איר זיין זיכער אז אייער פעימענט וועט אנקומען אין אייער אקאונט באצייטנס יעדעס מאל.

אויב באקומט איר נאכנישט קיין עלעקטראנישע פעימענטס, איז דא עטליכע גוטע סיבות זיך איינצושרייבן דאס צו באקומען. ערשטנס, איר וועט דארפן אויסגעבן ווייניגער געלט און צייט אראפצופארן אין באנק צו קעשן אייער טשעק. צווייטנס, איר שפארט איין פאר די רעגירונג די פאפירענע טשעקס, ענוועלאופס, סטעמפס, און די גאזאלין וואס ס'קאסט צו דעליווערן די טשעקס צו די בענק.

אין טייל חלקים פון לאנד איז יעצט דער האריקעין סעזאן. אנדערע געגנטער האבן א שטארקע ריזיקע פון פארפלייצונגען. פארשידענע פלעצער אין לאנד האבן טארנעידאס, וואלד-פייערן, שטורם ווינטן, און אפילו ערד-ציטערנישן. מענטשן וואס וואוינען אין אזעלכע פלעצער וואלטן נישט געוואלט אז זייער אינקאם זאל אפגעשטעלט ווערן צוליב אן עוועקואציע אדער א פעלנדע פאסט-באקס. מיט עלעקטראנישע פעימענטס קענט איר שטענדיג זיין זיכער אז אייער געלט וועט אנקומען אין אייער אקאונט באצייטנס, אן קיין שום אפהאלט.

אויך ווען איר זענט אויף וואקאציע, וועט אייער עלעקטראנישער פעימענט ווערן אריינגעלייגט אין אייער באנק אקאונט אין צייט, און איר דארפט אייך נישט זארגן איבער אייער טשעק אדער בעטן א שכן זאל עס ארויסנעמען פון פאסט-קעסטל ווען איר זענט נישט דארט.

אלס א זייטיגע בענעפיט זענען דא אסאך בענק וואס שטעלן צו אומזיסטע טשעקינג אקאונטס פאר מענטשן וואס נוצן "דירעקט דעפאזיט", ווייל דאס שפארט זיי די קאסטן פון פראצעסירן די פאפירענע טשעקס.

ממילא איז יעצט די צייט אויסצומיידן די לאנגע ליניעס אין באנק, שפארן געלט, און באקומען אייערע פעימענטס שנעלער, און זיין רואיג אז איר וועט באקומען אייער פעימענט אין זייט, נישט קיין חילוק וואס ס'פאסירט אדער וואו איר זענט. דאס אלעס קענט איר טון דורך עלעקטראנישע פעימענטס. מער אינפארמאציע קען מען טרעפן אויף www.socialsecurity.gov/deposit.

***

## מעלדט א טויש אינעם נאמען פאר'ן סאשעל סעקיוריטי אדמיניסטראציע

ווען מ'האט חתונה בשעטומ"צ איז צייט אז די פרוי זאל טוישן דעם נאמען אויפ'ן סאשעל סעקיוריטי קארד. אויב דארף מען טוישן דעם נאמען פאר סיי וועלכע סיבה, דארף מען דאס איינמעלדן פאר'ן סאשעל סעקיוריטי אדמיניסטראציע. ס'איז דא עטליכע סיבות דערצו.

ערשטנס, די IRS און די סאשעל סעקיוריטי אדמיניסטראציע פארגלייכן זייערע קאמפיוטער רעקארדס איינער צום צווייטן. אויב דער נאמען און סאשעל סעקיוריטי נומער אויף אייער טעקס ריטוירן שטימט נישט מיט'ן נאמען און סאשעל סעקיוריטי נומער אין די רעקארדס פונעם סאשעל סעקיוריטי אפיס, וועט דאס פארשפעטיגן אייער טעקס ריטוירן, און אויב דארפט איר צוריקבאקומען געלט פון אייערע שטייערן קען זיך דאס פארשלעפן.

די צווייטע סיבה איז וויבאלד אייער פאטענציאלע סאשעל סעקיוריטי בענעפיטן זענען באזירט כמעט אינגאנצן אויף די רעקארד פון פארדינסטן וואס די סאשעל סעקיוריטי אדמיניסטראציע האט אין זייער באזיץ. אויב אייער ארבעטס-געבער האט באריכטעט פארדינסטן צו די רעגירונג אונטער אייער נייע נאמען, און אייער סאשעל סעקיוריטי רעקארד ווייזט נאך אייער אלטע נאמען, וועלן די פארדינסטן מעגליך נישט ווערן געקרעדיט אויף אייער סאשעל סעקיוריטי פארדינסטן רעקארד, וואס צוליב דעם וועט איר שפעטער באקומען ווייניגער סאשעל סעקיוריטי בענעפיטן.

צו טוישן אייער נאמען אויף די רעקארדס פון די סאשעל סעקיוריטי אדמיניסטראציע, דארפט איר אפלייען פאר א נייע סאשעל סעקיוריטי קארד. די גרינגסטע וועג איז צו גיין צו www.socialsecurity.gov/ssnumber/ און ארויספרינטן דעם פארעם פאר א סאשעל סעקיוריטי קארד, וואס רופט זיך "אפליקעישאן פארם SS-5". דאס איז דער זעלבער פארעם וואס מ'נוצט ווען מ'אפלייעט פאר א נייע קארטל נאכדעם וואס מ'האט פארלוירן די ערשטע. אויפ'ן אפליקעישאן פארעם שטייט אויך וואספארא באווייזן מ'דארף אריינגעבן.

מ'דארף אויספילן דעם פארעם און דאס אריינברענגען אדער אריינשיקן דורך די פאסט צום לאקאלן סאשעל סעקיוריטי אפיס מיט די נויטיגע באווייזן. אלע דאקומענטן דארפן זיין ארגינעלע אדער "סערטיפייד קאפיס" און דארפן האבן די אינפארמאציע וואס טוט אייך קלאר אידענטיפיצירן, צב"ש אייער געבורטס-דאטום און געבורטס-פלאץ. אויפ'ן אפליקעישאן שטייט ארויסגעשריבן וועלכע סארט אידענטיפיקאציע און דאומענטן מ'דארף האבן אין פארשידענע פעלער, און וואספארא סארט דאקומענטן די סאשעל סעקיוריטי אדמיניסטראציע נעמט אן.

# שערי חמלה און קרית יואל סקול דיסטריקט

## העכסט רירענדע מאמענטן ביים ״חומש סעודה״ געפראוועט דורך כתה א׳ פון מוסד הק׳ שערי חמלה

(פארזעצונג פון זייט 1)

האבן געענדיגט א יאר אין כתה א׳, און קענען שוין כמעט פערפעקט א״ב מיט עברי... עס איז די רעדע פון קינדער אין עלטער פון אכט-ניין יאר, טייערע אידישע נשמות, וואס מן השמים איז אזוי צוגעפירט אז זיי זענען ליידער באגרעניצט אויף פארשידענע אופנים, וואס ברענגט דערצו אז זייער פלאץ איז אינעם מוסד קדוש ״שערי חמלה״ וואו זיי ווערן נתגדל און נתחנך מיטן העכסטן מאס געטריישאפט וואס נאר שייך.

ווען אזא קינד זאל ח״ו אנקומען צו איינס פון די אלגעמיינע שולעס, וואלט דאס געוויס באדייט אז דאס קינד קומט אין שולע מיטן ציל ״דורכצושטופן דעם טאג״... ווי איידער צו זיצן אינדערהיים, ברענגט מען אים אין שולע דארט צו פארברענגען די צייט. איז דאך אבער די רעדע פון א מוסד קדוש, מיט מלמדים און מחנכים וואס האבן א אידיש הארץ און געפיל, און דער גאנצער אטמאספערע אין שערי חמלה איז אוועקגעשטעלט אויף דעם אופן, אריינצוברענגען אין די קינדער וואס מער, צו הייבן זייער ניווא און סטאנדארט אויף א שטאפל וואס מ׳טראכט צומאל אפילו נישט ביים אנהייב.

עס דערמאנט זיך אלץ דאס מסירת נפש וואס מרן רביה״ק הברך משה זי״ע האט געהאט ביים מייסד זיין דעם מוסד קדוש, וויפיל חיצים ובליסטראות ער האט אריינגענומען אין זיך, און וויפיל ער האט געקעמפט אז דער מוסד זאל פארבלייבן בנוי לתלפיות כדי אז די טייערע קינדער זאלן האבן א פלאץ וואו נתחנך צו ווערן אין א היימישע אידישע אטמאספערע.

ואתו עמו האט מרן רבינו הגה״ק שליט״א אריינגעלייגט איבערמידליכע כוחות פאר די הצלחה פון דעם מוסד, און כהיום יום זענען די טייערע קינדערלעך און זייערע בני משפחה נהנה פון אט די כוחות, ווען די כוחות וואס מ׳לייגט אין זיי אריין און די פירות וואס מ׳שניידט ב״ה טאג-טעגליך קען נאר קומען פון א כח פון אמת׳ע מסירת נפש וואס ליגט איינגעפלאנצט אינעם יסוד פון דעם הייליגן מוסד.

אלענפאלס איז געווען מיט א צייט צוריק ווען די תלמידים פון ״כתה א׳״ אין שערי חמלה האבן דערגרייכט הויכע דרגות, מיט׳ן פארענדיגן לערנען דעם גאנצן א״ב און אביסל עברי, יעדער לויט זיינע פעאיגקייטן און באגרעניצטע מעגליכקייטן. דאס אפלערנען מיט די טייערע תלמידים די דערמאנטע לימודים האט געקאסט אן א שיעור כוחות און הארעוואניע פאר די געטרייע פראפעסיאנאלע מלמדים מומחים פון דעם קלאס, מוה״ר יואל צבי טריגער הי״ו, מוה״ר חיים מאיר הכהן ווייס הי״ו און מוה״ר ארי׳ הערשקאוויטש הי״ו, וועלכע האבן מיט הלל׳ס געדולד און גרעניצלאזע צוגעלאזנקייט געלערנט א טריט נאך א טריט צו לערנען אלע אותיות פון די הייליגע א״ב, און דערנאך אביסל עברי לויט זייער יכולת. ווי פארשטענדליך איז דאס אויסער וואס מ׳האט יעדע וואך געלערנט אביסל ענינים פון די סדרה, און די תלמידים האבן געקענט דערויף ענטפערן פארשידענע שאלות וואס מ׳האט זיי געשטעלט.

אז די קינדער האבן שוין געקענט אביסל עברי, איז געקומען די צייט צו גיין אביסל ווייטער, און טראץ וואס אנהייב יאר איז דאס בכלל נישט געווען אויפן סדר היום, האט מען באשלאסן אז צו פרובירן שאדט נישט, און מ׳האט אנגעהויבן צו לערנען מיט די תלמידים עטליכע ״פסוקים חומש״ אנגעהויבן טאקע פונעם ערשטן פסוק אין פרשת ויקרא, ריכטיג ״יבואו ׳טהורים׳ ויתעסקו בטהורים״.

עס פארשטייט זיך אז עס איז בכלל נישט געווען קיין לייכטע אונטערנעמונג. שעות, טעג און וואכן האט געדויערט ביז מ׳האט זיי אויסגעלערנט די עטליכע פסוקים אין פרשת ויקרא. און ווען רובם ככולם פון די קינדער האבן שוין ב״ה געקענט די פסוקים, איז דער פרייד ביי די קינדער און מלמדים געווען אין לשער. ״בלויז אויף צו זעהן דעם שמייכל אויף זייערע פנים׳ער, האט זיך אלעס געלוינט״, האט זיך אויסגעדרוקט איינער פון די חשוב׳ע מיטארבעטער אין דעם מוסד קדוש.

און אויב קענען די קינדער די פסוקים אין פרשת ויקרא, איז זיכער א צייט ארויסצוברענגען די פריידיגע געפילן דורכ׳ן פראווען א ״חומש סעודה״ און טאקע מיטן גאנצן קנאק. האט זיך ווידער אנגעהויבן א גאנצע הכנה דרבה. טעג און וואכן זענען די געטרייע מלמדים געשטאנען, און אריינגעארבעט אין די קינדער, זיי אויסצולערנען פארשידענע וויכטיגע לימודים, א גאנצן פראגראם וואס איז מיט כמעט גארנישט אונטערשטעליג פון א געוועגליכע חומש סעודה וואס סיי וועלכער מוסד התורה פירט דורך.

וואס א טאג נענטער צום מעמד, איז דאס התרגשות צווישן די קינדער און די איינגעשטעלטע ארום נאך מער געשטיגן. קומענדיג א וואך נאנט צום מעמד, זענען די טייערע עלטערן שיחיו, הורי התלמידים איבערראשט געווארן צו הערן איבער די מסיבה, צו וועלכן זיי זענען פערזענליך איינגעלאדענט געווארן דורך א הערליכע הזמנה וואס איז צו זיי צוגעשיקט געווארן דורך די פאסט.

דער גליקליכער טאג איז ענדליך אנגעקומען. עס איז שוין דאנערשטאג פ׳ נשא אינדערפרי. די טייערע קינדער זענען אלע באקליידעט פרעכטיג און שיין מיט יום טוב׳דיגע מלבושים. ס׳איז דאך היינט א זמן שמחה. מ׳פראוועט א ״חומש סעודה״. די קינדער זענען געקומען אין חדר אריין געהעריג. געדאווענט, געגעסן, געבענטשט, און... גרייט צו די חומש סעודה.

מיט ספעציעל צוגעשטעלטע באסעס זענען די קינדער צוגעפארן פון זייער בנין אויף די דינוב גאס ביז צו די ניקלשבורג גאס, צום ביהמ״ד דברי חיים, וועלכע איז הערליך צוגעשטעלט געווארן לכבוד דעם שיינעם מעמד. אינעווייניג אין ביהמ״ד האבן זיך שוין פארזאמעלט די חשוב׳ע עלטערן, טאטעס און מאמעס, זיידעס און באבעס, און אפילו עטליכע עלטער-זיידעס און עלטער באבעס אויך, וועלכע זענען אלע געזיצן אויף זייערע באשטימטע ערטער, די מענער אין היכל הביהמ״ד און די פרויען אין עזרת נשים וואו זיי האבן געקענט מיטהאלטן דעם גאנצן מעמד.

א גרויסער טייל פון די פארזאמעלטע עלטערן האבן לכבוד דעם מעמד אויפגעגעבן א טאג - אדער לכה״פ א גרויס חלק פונעם טאג - פון זייער ארבעט. ״אבער עס האט זיך געלוינט״ - האבן ס׳מערהייט פון די עלטערן זיך אויסגעדרוקט. די עמציאנאלע געפילן באגלייט מיט עמערס פון נחת וואס מ׳האט ביי דעם מעמד געשעפט, האט פולקאם אויסגעצאלט פיל מער ווי די רווחים פון עטליכע שעה ארבעט...

דערנעבן האבן זיך געפונען די געטרייע חברי הנהלה, חברי הנהלת הסקול דיסטריקט צוזאמען מיט די חברי הנהלת המוסדות, ולידם די געטרייע מיטארבעטערס אין שערי חמלה, מלמדים, מחנכים און טיטשערס, וועלכע האבן געשניטן די פירות פון זייער שווערע הארעוואניע א גאנץ יאר און במשך אלע יארן לטובת די טייערע קינדערלעך.

די טייערע תלמידים האבן אריינמארשירט ווי די גליקליכסטע בני מלכים, און האבן זיך געשטעלט אויף זייערע באשטימטע ערטער. דער פראגראם האט זיך אנגעהויבן, און טישוס מיט טאשן-טיכלעך זענען ארויסגעשלעפט געווארן פון די טאשן. עלטערן, טאטעס, מאמעס, זיידעס, באבעס און אנדערע באטייליגטע האבן זיך געווישט די טרערן פון גרויס התרגשות, מיטהאלטנדיג דעם רייכן און רירענדן פראגראם.

דער חשוב׳ער מלמד מומחה מוה״ר יואל צבי טריגער הי״ו האט ווי זיין שטייגער גענומען די לייצעס אין די האנט אריין און אנגעפירט דעם גאנצן פראגראם, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט א ריי קשיות וואס איינער פון די קינדער האט געפרעגט, און א צווייטער האט געענטפערט. שפעטער האט אן אנדערער געפרעגט און א דריטער געענטפערט, וחוזר חלילה. עס איז געווען צום באוואונדערן ווי גענויט אלעס איז געווען אויסגעשטעלט פאר יעדעס קינד זיין אייגנארטיגע פראגע און ענטפער וואס איז פאסיג לויט זיינע מעגליכקייטן דאס צו פרעגן און ענטפערן, און דער סך הכל איז געווען אז יעדעס קינד איז געווען א טייל פון די זאך, און עס איז מיט די שענסטע פארבן געקומען צום אויסדרוק די געוואלדיגע כוחות וואס איז אריינגעלייגט געווארן ביז דאן.

דער הויכפונקט פונעם מעמד איז בלי ספק געווען, ווען אלע קינדער צוזאמען האבן אנגעהויבן צו זאגן די פסוקים פון ״ויקרא״, יא געהעריג ווי אין געוועגליכן מוסד, ״ויקרא, און ער האט גערופן״ ״אל משה, צו משה״ א.א.וו. ווען מיט יעדן פארבייגייענדן ווארט שטייגט דאס התרגשות ביי די עלטערן און אנדערע משתתפים צו זען וואס מ׳האט ב״ה דערגרייכט מיט די קינדער, און וויפיל מ׳איז ב״ה אנגעקומען אריינצולייגן אין זיי אזויפיל תוכן, פיל פיל מער וואס מ׳האט זיך בכלל אליינס געקענט פארשטעלן.

די קינדער האבן דערנאך געזונגען שיינע ניגונים, און די עלטערן האבן פארברענגט געמיטליך און געשמאק, זייענדיג העכסט איבערראשט פון דעם געהויבענעם מעמד וואס מ׳האט געהאט די זכי׳ מיטצולעבן. א קורצע דרשה האט משמיע געווען הרה״ח ר׳ שמואל הכהן פריעדמאן שליט״א משב״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א, וועלכער איז אין קורצן דורכגעגאנגען דעם השתלשלות פונעם מוסד, און ארויסגעברענגט די געפילן פון די עלטערן ביים מיטלעבן אזא מעמד קדוש ונשגב.

ווי פאסיג האט זיך אויסגעדרוקט איינער פון די אנוועזענדע, אז עס איז זיכער אז ביי דעם מעמד געפינען זיך אצינד דא די נשמות הקדושות פון מרנן רבוה״ק זי״ע, ווי דער זוהר הק׳ זאגט אז ביי א שמחה שיקט מען אראפ די נשמות פון צדיקים פון גן עדן העליון זיך מיטצופרייען ביי די שמחה, און עס איז זיכער אז עס איז נישט דא קיין גרעסערע שמחה פאר רביה״ק הדברי יואל זי״ע וועלכער האט אזוי שטארק משתוקק געווען אויפצובויען אזא מוסד פאר די קינדער, און פאר רביה״ק הברך משה זי״ע וועלכער האט זיך אזויפיל מוסר נפש געווען בפועל פאר דעם מוסד, ווי ביים איצטיגן מאמענט, ווען מ׳זעט וואס מ׳האט ב״ה זוכה געווען אויפצוטון מיט אט די טייערע קינדערלעך.

מ׳האט זיך געוואונטשן לחיים, און געבעטן אז זכותם הגדול יגן עלינו, ובזכותם זאלן די קינדער ווייטער שטייגן אין אלע הינזיכטן.

די קינדער זענען דערנאך צוריקגעפארן צו זייער בנין אויף די דינוב גאס, וואו זיי ווערן ווייטער נתגדל און נתחנך לשם ולתפארת כל בית ישראל.

## אימפאזאנטע מסיבת פרידה געפראוועט דורך הנהלת מוסד שערי חמלה קאמבאנירט מיט הערליכע שבע ברכות

**לכבודו פון הרבני הנכבד המפואר ר׳ משה יוסף הארטמאן הי״ו, פיליעריגער טרעזשורער פון קרית יואל סקול דיסטריקט**

מיט שווערע געפילן פון איין זייט, אבער אין א פרייליכע אטמאספערע פון די אנדערע זייט, איז פארגאנגענעם דאנערשטאג פרשת בהעלותך געפראוועט געווארן די הערליכע מסיבת פרידה קאמבינירט מיט א מסיבת שבע ברכות וואס איז צוגעשטעלט געווארן דורך הנהלת מוסד שערי חמלה לכבודו פון הרבני הנכבד המפואר ר׳ משה יוסף הארטמאן הי״ו, פיליעריגער טרעזשורער פון קרית יואל סקול דיסטריקט, וראה״ק דקהלתינו הק׳ אין מאנסי, ביי וועלכן עס האבן זיך מיטגעפריידט דער גאנצער סטעף און אדמיניסטראציע-מיטגלידער פונעם מוסד.

### הצלת המוסד

ביי די אלע וואס זענען כהיום יום נאנט באקאנט מיט׳ן מוסד הק׳ שערי חמלה, איז ר׳ משה יוסף הי״ו גוט באקאנט מיט זיין געוואלדיגן איבערגעגעבנקייט און געטריישאפט פאר די טייערע קינדער וואס ווערן דארט נתחנך, און בכלל אנצופירן מיט׳ן גאנצן בודזשעט פונעם קרית יואל סקול דיסטריקט.

אבער ביי פילע מיטליעריגע אברכים און ארויף געדענקט זיך נאך גוט דער נאמען פון ר׳ משה יוסף הארטמאן הי״ו אלס איינער וועלכער האט געהאט די זכי׳ צוצושטיין לימין קדשו פון מרן רביה״ק הברך משה זי״ע אין די צייטן ווען די יסודות פונעם מוסד הק׳ שערי חמלה האבן זיך געוואקעלט, און דער גאנצער מוסד איז ח״ו געשטאנען אין א סכנה מצד די פארשידענע שטרעמונגען און א. ג. אידישע ארגאניזאציעס וועלכע האבן עס געוואלט זעהן פארשלאסן אונטער שלאס-און-ריגל. ר׳ משה יוסף הי״ו האט אין יענע צייטן אריינגעלייגט אן א שיעור ארבעט, און איז מיט׳ן גרעסטן מאס געטריישאפט צוגעשטאנען צו די רעכטע האנט פונעם רבי׳ן זי״ע און צו די געטרייע חברי הנהלת קרית יואל, אפצושלאגן די בייזוויליגע אטאקעס, זיכער צו מאכן בעזהשי״ת אז די גערעכטן אין אלע פאזעס פירן זיך אויפ׳ן ריכטיגן וועג.

אומצאליגע מאל איז ר׳ משה יוסף הי״ו דאן געפארן קיין אלבאני, און קיין וואשינגטאן הבירה, צו באגלייטן פון דער נאנט אלע שווערע און פארוויקעלטע געריכט-סעסיעס. שעות אויף שעות איז ער געזיצן מיט די אדוואקאטן און מומחים, און אויסגעארבעט די פונטקליכע אופנים וויאזוי אפצושלאגן די אלע אטאקעס מיט וואס דער מוסד איז אטאקירט געווארן, ביז עס איז ב״ה געווען חפץ ה׳ בידם פון די געטרייע

(פארזעצונג אויף זייט 11)

# KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176


## TRANSPORTATION DEPARTMENT

מיט גרויס פרייד מעלדן מיר פאר די חשוב'ע עלטערן שיחיו,
אז אין א פארזוך צו פארגרינגערן און פארבעסערן די קאמיוניקאציע סיסטעם
צווישן די עלטערן און די טראנספארטאציע דעפארטמענט,

האבן מיר איינגעשטעלט א

# קאמיוניקאציע ליין

**וואו איר קענט רופן במשך א גאנצן טאג איבער סיי וועלכע פראבלעם אדער קאמפלעינט**

**פאר סיי וועלכע טראנספארטאציע אנגעלעגנהייט רופט:**

# 782-2300 Ext. 123

**מיר האבן אויפגענומען א ספעציעלע דיספעטשאר וואס וועט אויפהייבן**
**און ענטפערן די טעלעפאנען, ווען איר רופט אריין אין די פאלגענדע זמנים:**





פון **מאנטאג** ביז **דאנערשטאג:** פון **9:00** צופרי ביז **5:00** נאכמיטאג

**פרייטאג:** פון **9:00** צופרי ביז **1:00** נאכמיטאג

**אין פאל פון אן עמוירדזשענסי, צב"ש א פארלוירן קינד אדער אן עקסידענט ח"ו,**
**קען מען רופן 24 שעה אויפ'ן זעלבן נומער, און דער קאל וועט געטרענספערט ווערן**
**צו א סעליולער טעלעפאן פונעם טראנספארטעישאן דעפארטמענט.**

פאר אלע אנדערע אנגעלעגנהייט, צב"ש א טויש אין אדרעס, א קאמפלעינט אדער א פראגע, זאל מען רופן בלויז אין די אויבנדערמאנטע שעה'ן.

**אכטונג: אויב איר מופט אין א נייע דירה, ביטע רופט אריין וויניגסטנס 2 וואכן בעפאר**

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע און האפענונג אויף אייער פארשטענדעניש.

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# שערי חמלה און קרית יואל סקול דיסטריקט

## אימפאזאנטע מסיבת פרידה געפראוועט דורך הנהלת מוסד שערי חמלה קאמבאנירט מיט הערליכע שבע ברכות

(פארזעצונג פון זייט 9)

חברי הנהלה הצליח אוועקצושטעלן דעם מוסד אויף יסודות איתנים ווי עס ווערט ב"ה געפירט ביז צום היינטיגן טאג.

אין די נאכפאלגענדע יארן זענען שוין אין דעם מוסד נתחנך געווארן צענדליגער און - ליידער - אפילו הונדערטער טייערע אידישע קינדער, קינדער מיט ריינע און הייליגע נשמות אבער באגרעניצטע גופים, מיט וועמען מ'האט זיך אפגעגעבן מיט אומבאשרייבליכע געטריישאפט און גרעניצלאזע איבערגעגעבנקייט, וואס איז אלעס צום פארדאנקען די כוחות וואס איז דאן אריינגעלייגט געווארן דורך די חברי הנהלה צווישן זיי ר' משה יוסף הי"ו אוועקצושטעלן דעם מוסד על מי מנוחות.

באזונדער האט ר' משה יוסף הי"ו געטריי באגלייט דעם מוסד קדוש, און האט יעדן טאג זיך געפונען אויפ'ן פלאץ זיכער צו מאכן אז אלעס פירט זיך אויפן בעסטן פארנעם. מיט זיין שכל הישר און געניטן צוגאנג האט ר' משה יוסף הי"ו זארגפעליג באגלייט יעדעס קינד באזונדער, און זיכער געמאכט אז יעדער קריגט דעם חינוך מיוחד כפי דרכו.

### להנות בו בני אדם

דאס איז וואס מ'האט געזען מער אפן. וואס ס'איז אפשר נישט אזוי באקאנט, איז די שווערע און איבערמידליכע כוחות וואס ר' משה יוסף הי"ו האט אריינגעלייגט זינט'ן ווערן אויפגענומען אלס טרעזשור פונעם סקול דיסטריקט, פון וואס יעדער איינציגער תושב אין קרית יואל האט גענאסן און גניסט ב"ה ביז צום היינטיגן טאג.

אלס טרעזשורער האט ר' משה יוסף הי"ו פארפיגט אויפן גרויסן בודזשעט פונעם סקול דיסטריקט, וועלכע ווערט בלויז טיילווייז פינאנצירט דורך די "סקול טעקס" וואס הויז-אייגענטומער דארפן צאלן, - די סקול טעקס פון קרית יואל באטרעפט דערווייל היינט צו טאגס בלויז ארום 40% פונעם בודזשעט, אין פערגלייך צו אנדערע פלעצער וואו די אייוואוינער דארפן צאלן ארום 70% פון די קאסטן, - און דאס איבריגע פינאנצירט פון פארשידענע רעגירונגס קוועלער, און פון אנדערע סקול דיסטריקטס פון וואו מען שיקט אלץ אהער קיין קרית יואל. עס לאזט זיך נישט באשרייבן וויפיל כוחות ר' משה יוסף הי"ו האט במשך השנים אריינגעלייגט צו פארזיכערן אז אין די צייט וואס די סערוויסעס פונעם סקול דיסטריקט זענען אויפ'ן העכסטן סטאנדארט, פארבלייבט אבער די שטייער-אפצאל פון תושבי קרית יואל דאס נידריגסטע וואס נאר שייך.

אפגערעדט פון אומצאליגע נסיעות ביז קיין אלבאני וכדומה, כדי צו שאפן גרעסערע רעגירונגס פאנדן, דורך וועלכע מ'האט שפעטער געקענט האלטן די שטייער-אפצאלן פיל נידריגער ווי אויף אנדערע פלעצער. נאר אפילו אויף אנדערע אופנים האט ר' משה יוסף געארבעט מיט ציין און נעגל ממש זיכער צו מאכן אז די תושבי העיר ווערן נישט באלעסטיגט מיט אומזיסטע שטייערן און אויסגאבן.

ווי ווייטער באריכטעט, איז ביי די מסיבת שבע ברכות געצייגט געווארן א רייכע פרעזענטאציע דורכלויפנדיג אין קורצן די אריבער צוואנציג יאר וואס ר' משה יוסף הי"ו האט געדינט אלס טרעזשורער פונעם מוסד. איז דארט לדוגמה ארויסגעברענגט געווארן צווישן אנדערע, איין עפיזאד וואס האט זיך אפגעשפילט מיט יארן צוריק, ווען עס איז געצייגט געווארן א קאפיע פון א טשעק אין ווערד פון נאנט צו צוויי-און-א-האלב מיליאן דאלאר! וואס דער סקול דיסטריקט האט ערהאלטן. דער טשעק איז געצאלט געווארן דורכ'ן סקול דיסטריקט פון איסט-ראמאפא, וואס נעמט אריין די חדר'ישע שטאט מאנסי, פון וואו עס קומען קיין קרית יואל א צאל טייערע קינדער צו לערנען אין היזיגן מוסד שערי חמלה. ווי עס איז דער שטייגער ביי אנדערע אויך, האט דער ראמאפא סקול-בארד זיך נישט אזוי שנעל צוגעכאפט צו באצאלן די אויסגאבן פאר די קינדער, און עס האט זיך געזאמעלט במשך עטליכע יאר צו אזא אומגעהויערע סכום, וואס וואלט געמיינט אז זייערע הוצאות וואלטן געפאלן צו לאסט אויף די שטייער-צאלער דאהי אין קרית יואל.

ר' משה יוסף האט זיך אבער נישט געלאזט. שעות אויף שעות פון שתדלנות און ארבעט האט ער אריינגעלייגט, ביז ער האט באוויזן איבערצוצייגן די לאקאלע באאמטע ווי נישט ריכטיג עס איז אז קרית יואל זאל דאס דארפן צאלן, און דאן האבן זיי אריינגעשיקט דעם גאנצן טשעק.

דאס זעלבע איז געווען מיט אנדערע פעלער, ווען קינדער זענען געקומען צו פארן פון אנדערע פלעצער, נתחנך צו ווערן אינעם מוסד שערי חמלה, ווען ר' משה יוסף האט געארבעט און גע'שתדל'ט אז דאס געלט זאל קומען פון די פלעצער וואו די קינדער וואוינען. אפגערעדט פון פעלער ווען קינדער זענען געקומען צו פארן פון ניו יארק סיטי, וואו די ביוראקראטיע שרייט ארויס פון אלע ווינקלען, און ארויסצוזען א דאלאר פון דארט איז א שרעקליכע אפקומעניש.

עס וואלט געוויס פיל לייכטער געווען צו זיצן רואיג און צו לאזן הייבן טעקסעס יעדעס יאר, אן דעם וואס איינער זאל אפילו וויסן אז דאס געלט גייט נישט דייקא פאר קרית יואל איינוואוינער. אבער מיט זיין געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט האט ר' משה יוסף הי"ו נישט נאכגעלאזט. אויף יעדן דאלאר האט ער זיך געשטעלט צו באקומען פון וואו נאר מעגליך, זאל עס זיין פון די סקול-בודזשעטן פון וואו די קינדער קומען, צי פון אנדערע רעגירונגס קוועלער, וואס אויך אין די לעצטע יארן ווען די רעגירונג - סיי די פעדעראלע און סיי די סטעיט - האבן אנגעהויבן איינצוציען דעם פאסיק און צו שניידן וואס מער פון זייערע פאנדן, האט ר' משה יוסף הי"ו נישט נאכגעלאזט. ער איז געפארן אומצאליגע מאל שתדל'ן און בעטן, צו שאפן פון אנדערע זייטיגע קוועלער צום בענעפיט פון די קרית יואל'ער תושבים.

אזוי ארום אז אויך ווען מ'איז געווארן געצווינגען עטוואס צו הייבן די טעקסעס, איז עס אבער אלץ געווען גאר באגרעניצט, און דער סקול-טעקס איז אלץ געבליבן גאר נידריג, פיל פיל נידריגער ווי אין די ארומיגע געגנטער. נישט לאנג צוריק איז געווען באריכטעט אז אויב זאל קרית יואל זיך נאך היינט געפינען אונטער'ן סקול דיסטריקט פון מאנרא וואודבערי, וואלט דאס באדייט אז פון צווישן אלע תושבים וואלטן געדארפט געשאפן ווערן אזויפיל ווי אריבער זיבן מיליאן דאלאר מער ווי עס ווערט היינט געשאפן! און דאס איז נאר פון איין יאר אליינס!

אזוי ארום האט ר' משה יוסף הי"ו מיט זיינע פעולות באוויזן צו שפארן פאר קרית יואל שווערע צענדליגער מיליאנען דאלארן, און יעדער תושב האט צו פארדאנקען פאר ר' משה יוסף הי"ו פאר זיינע איבערמידליכע לייסטונגען וואס ער האט ב"ה באוויזן אויפצוטון במשך השנים.

נאך צוואנציג יאר זיין אין אמט האט ר' משה יוסף הי"ו זיך צוריקגעצויגן פון די שווערע ארבעט, און האט איבערגעגעבן די ארבעט פאר'ן משמר הנכנס, זיין נאכפאלגער דער טאלאנטפולער איש המעש מוה"ר ישעי' ווערצבערגער הי"ו, וועלכער האט זיך גלייך אריינגעווארפן אין די שווערע ארבעט, און מיט זיין פיליעריגן עקספיריענס ארבעט ער מיט גרויס הצלחה נאכצופאלגן ווייטער די ביז איצטיגע פעולות פון ר' משה יוסף הי"ו.

### מסיבת פרידה ושבע ברכות

אצינד בעת ר' משה יוסף הי"ו האט בשעטומ"צ געפירט זיין יונגסטע קינד אונטער די חופה, האט די הנהלת הסקול דיסטריקט אויסגענוצט די געלעגנהייט איינצוארדענען די שיינע מסיבת פרידה לכבודו, קאמבינירט מיט א הערליכע שבע ברכות לכבוד השמחה. די מסיבה איז אפגעראכטן געווארן דאנערשטאג בהעלותך אין זאל פון קרן ויואל משה, צו וועלכן עס זענען איינגעלאדענט געווארן די געטרייע חברי הנהלה, באורד מעמבערס, אדמיניסטראציע-מיטארבעטער, מלמדים ומחנכים, און די חשוב'ע בני משפחה פון ר' משה יוסף הי"ו.

ביי רייך-געדעקטע טישן האבן די פארזאמעלטע פארברענגט געמיטלעך און אויפגעברענגט זכרונות פון די פעולות פון דעם מוסד הק', ווען דערביי שפילט צו מיט שיינע מוזיק דער טאלאנטפולער מוזיקאנט מוה"ר יואל גרינפעלד הי"ו.

די מאכלים זענען רייך סערווירט געווארן איינס נאכ'ן אנדערן, און די פארזאמעלטע האבן מיט אינטערעסע זיך צוגעהערט צו די אינהאלטספולע רעדעס וואס זענען געהערט געווארן, אנגעפירט דורכ'ן ענערגישן סופעראינטענדענט ר' יודא מאיר (דזשאול) פעטלין הי"ו וועלכער האט במשך די יארן נאנט צוזאמגעארבעט מיט ר' משה יוסף הי"ו און האט איבערגעגעבן זיינע פערזענליכע איינדרוקן פון זיין געטריישאפט לטובת המוסד.

ר' יודא מאיר הי"ו האט אויך באגריסט דעם ערשטן סופעראינטענדענט פונעם סקול דיסטריקט, דר. סטיוו בערנאדא, און איבערגעגעבן דאס ווארט פאר דר. בערנאדא איבערצוגעבן זיינע איינדרוקן און זכרונות.

א מייסטערהאפטע דרשה האט משמיע געווען הרבני החסיד המפואר ר' אברהם ווידער הי"ו באורד-מעמבער וראה"ק דקהלתינו הק', וועלכער האט געהאט די זכי' לעמוד לפני מלכים ושרים, צו פארזיכערן בעזהשי"ת דעם עקזיסטענץ פונעם מוסד שערי חמלה. ער האט דערביי ארויסגעברענגט די געפילן פון די גאנצע הנהלה ביים זיך מיטפרייען בשמחתו און ביים זיך געזעגענען פון אזא געטרייען ידיד און מיטארבייטער ווי ר' משה יוסף הי"ו.

א הארציגער מאמענט איז געווען ווען עס האט אויפגעטרעטן א טייערער בחור יוסף הערש בארזעסקי נ"י, וועלכער האט בשם זיינע חברים זיך באדאנקט פאר ר' משה יוסף הי"ו פאר די איבערגעגעבענע ארבעט וואס ער האט אריינגעלייגט טעג און נעכט, חדשים און יארן זיי צו באגלייטן אויף טריט און שריט.

פון די גאר שיינע מאמענטן ביי די מסיבה איז געווען, ווען עס איז געצייגט געווארן א זעלטן רייכע פרעזענטאציע איבער דעם קרית יואל סקול דיסטריקט בכלל און דער מוסד שערי חמלה בפרט, די אלע צייטן ווען ר' משה יוסף הי"ו האט אזוי געטריי מיטגעארבעט אויף טריט און שריט. עס איז געווען רירענד זיך צו דערמאנען זכרונות פון די ערשטע יארן ווען שערי חמלה איז נאך געווען אויף א פיל קלענערן פארנעם ווי היינט, און ווי עס איז ליידער אויסגעוואקסן אויף אזא גרויסן פארנעם צו קענען נאכקומען דעם געברויך פון אזויפיל טייערע ספעציעלע קינדער שיחיו.

צווישן אנדערן האט די פרעזענטאציע אויפגעברענגט זכרונות פון די צייטן ווען מרן רביה"ק הברך משה זי"ע פלעגט קומען באזוכן די טייערע קינדערלעך, און ווי ר' משה יוסף הי"ו איז אלץ צוגעשטאנען לימין קדשו פון רבי'ן זי"ע אויף טריט און שריט פון דעם מוסד קדוש. ווידער זענען געצייגט געווארן פארשידענע דאקומענטן און באריכטן איבער דעם מוסד, אויף וועלכן עס האט זיך אזוי שטארק ארויסגעצייגט די טעטיגע פעולות פון ר' משה יוסף הי"ו צו באגלייטן די הצלחה פונעם מוסד ובפרט דעם בודזשעט פונעם גאנצן סקול דיסטריקט. די פארזאמעלטע זענען געווען שטארק דאנקבאר פאר איינעם פון די חשוב'ע מיטארבייטער אינעם סקול דיסטריקט, מו"ה יצחק גרינפעלד הי"ו, וועלכער האט אזוי מייסטערהאפט צוגעשטעלט די פרעזענטאציע.

בשם די חברי הנהלה האט אויפגעטרעטן הרה"ח ר' בערל פאלאטשעק הי"ו פיליעריגער באורד-מעמבער, וועלכער האט פרעזענטירט ר' משה יוסף'ן הי"ו מיט א גאר רייכן בראשור, וועלכע טוט אנטהאלטן און פאראייביגן א דאקומענטארישע איבערזיכט פון דעם גאנצן מוסד, אויף א כראנאלאגישן סדר פון ווען ר' משה יוסף הי"ו איז אריינגעקומען אין דינסט פונעם מוסד ביז צום מאמענט ווען ער פארלאזט עס, איבערלאזנדיג א רייכע אומפארגעסליכע היסטאריע פון אויפטוען לטובת הכלל והפרט.

### דברי פרידה

א רייכע דרשה איז דערנאך געהערט געווארן פונעם בעל שמחה ר' משה יוסף הי"ו, וועלכער האט אנגעהויבן זיינע ווערטער "אודה ה' מאד בפי ובתוך רבים אהללנו" און אפגעגעבן שבח והודי' להשי"ת אויף די גרויסע זכי' וואס ער האט געהאט אזויפיל יארן ארויסצוהעלפן פאר דעם מוסד קדוש, און האט זיך באזונדער באדאנקט פאר די געטרייע חברי הנהלה און באורד מעמבערס, וועלכע האבן אים געגעבן די זכי' צו זיין דער שליח נאמן פון מרן רביה"ק הברך משה זי"ע לטובת דעם מוסד קדוש.

פאסיג האט ר' משה יוסף הי"ו ארויסגעברענגט אז ביי דער געלעגנהייט דאנקט ער השי"ת אויף אלע ד' הצריכים להודות, אנגעהויבן פון "חולה שנתרפא" ווען מ'האט ב"ה געהאט די זכי' צו פארנייען און היילן אזויפיל צובראכענע הערצער פון חשוב'ע עלטערן שיחיו, מעלה צו זיין זייערע קינדער אויף א פיל העכערע דרגה אין אלע הינזיכטן ווי זיי האבן זיך אליינס גערישט; "יורדי הים באניות" אפצוראטעווען דעם מוסד אין די צייטן ווען עס האט זיך געוואקלט ווי א שיף אינמיטן ברויזנדע כוואליעס וואס האלטן עס ביים איינזינקען; "אסירי עני וברזל" ווען אזויפיל חשוב'ע אידן זענען אויסגעשטאנען צו גיין אין תפיסה, אלעס נאר אז די טייערע קינדער זאלן קענען באקומען אן ערליכן חינוך על טהרת הקודש, און "תעו במדבר בישימון דרך" ווען די טייערע נשמות וועלכע האבן זיך געוואלגערט אין א בחינה פון א מדבר שממה, זענען אויסגעשטיגן אלס ארץ פרי, וועלכע קענען היינט צו טאגס דאווענען און לערנען אויף א פארנעם וואס קיינער האט עס נישט פאראויסגעזען.

ר' משה יוסף הי"ו האט אין זיינע ווערטער ווארעם באדאנקט די חברי הנהלה, ארויסברענגענדיג דעם קשה עלי פרידתכם, און גלייכצייטיג ווארעם באגריסט דעם משמר הנכנס, דעם נייעם טרעזשורער מוה"ר ישעי' ווערצבערגער הי"ו וועלכער איז אויפגענומען געווארן במקומו.

נאך א לענגערע צייט פון שירות ותשבחות באגלייט מיט א רקידה פון אלע פארזאמעלטע, איז ר' משה יוסף הי"ו מכובד געווארן מיט'ן בענטשן. די ברכות זענען צעטיילט געווארן צווישן די חברי הנהלה, און מיט ברכה אחריתא איז מכובד געווארן דער ראה"ק וראש העיר הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו.

דער ציבור איז זיך דערנאך צעגאנגען מיט געהויבענע געפילן האבנדיג מיטגעלעבט אזא שיינעם מעמד.

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

- טראנספארטאציע דעפארטמענט -

# חמירא סכנתא מאיסורא

## אכטונג חשוב׳ע עלטערן און קינדער שיחי׳

מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען איבער

## די סכנה נאכצולויפן א באס ח"ו

**פון די גרעסטע פראבלעמען ביים טראנספארטירן די קינדער איז, ווען א קינד דערמאנט זיך אין די לעצטע מינוט און נעמט זיך לויפן צום באס**

דאס איז א גרויסע סכנה סיי מצד די קארס וועלכע קענען דורכפארן און באמערקן נישט דעם קינד דורכלויפן, און סיי מצד דעם דרייווער וועלכער נעמט זיך פארן נאכדעם וואס ער האט זיכערגעמאכט אז אלע קינדער זענען שוין אויפ׳ן באס, און נעמט נישט אין אכט אז א קינד שטייט אים אונטערן רעדל ה"י.

**מאמעס זאלן געדענקען אז אויב דאס קינד קען שוין נישט צייטליך אנקומען צום באס סטאפ, זאל מען בכלל נישט אהינשיקן דאס קינד, ענדערש פארשפעטיגן דעם באס ווי ערגערס ח"ו.**

אויך זענען די דרייווערס אנגעזאגט נישט צו אויפנעמען קיין קינד וועלכע לויפט נאך דעם באס.

אויב פאלט עפעס אראפ נעבן באס, זאל מען בשום אופן עס נישט אויפהייבן פאר מען מעלדט נישט פאר׳ן דרייווער אז מען וויל עפעס אויפהייבן נעבן דעם באס

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# מאנרא און וואודבארי "פובליק הירינג" פארגעקומען איבער אנעקסעישאן

(פארזעצונג פון זייט 2)

ווילידזש האט מיט גרויס סייעתא דשמיא פארהאנדלט מיט די באאמטע, אז זיי זאלן נאכלאזן די קעגנערשאפט און מען איז נאכגעקומען זייערע פארשידענע פאדערונגען וויאזוי די וואסער טענק זאלן געבויעט ווערן. צווישן אנדערע האבן זיי אליין אויסגעוועלט דעם קאליר מיט וועלכן מען זאל פעינטן דעם טאנק, פארלאנגענדיג א ספעציעלן טונקל גרינעם קאליר, וואס זאל זיך נישט אנזעהן פונדערווייטנס, וואס די ווילידזש איז נאכגעקומען בסבר פנים, א.א.וו.

למעשה האט וואודבארי אריינגעגעבן א קלאגע קעגן דעם ווילידזש און דעם מוכר פונעם פראפערטי. די קלאגע איז אפיציעל באזירט אויף א געוויסן טעכנישן פראצעדור, מיט וואס זיי זוכן צו אנולירן דעם פארקויף פון די פראפערטי פאר קרית יואל, זאגנדיג אז בשעת'ן סוב-דעווײדען דעם האלבן עיקער איז דער פראצעדור נישט געוועזן גענצליך אויסגעהאלטן. אבער זייער עכטער, נישט-באהאלטענער, ציל איז צו שטערן דעם באנוץ פון די צוויי גיגאנטישע וואסער טאנקען וועלכע געפינען זיך אויפ'ן שפיץ בארג אויף די חברון גאס, און וואס אן זיי וועט גאנץ חברון; ראוונא; דער אשת חיל; און רוב טיילן פון עצי תמרים געגנט בלייבן אָן קיין וואסער, ווייל דער וואסער-דרוק וועט נישט ארויפגיין גענוג הויך אין די געגנט.

תלי"ת, האט דער ריכטער סלאָבאָד פארגאנגענעם יאר ארויסגעווארפן די קלאגע און געאורטיילט אז קרית יואל קען געהעריג נוצן די פראפערטי און די טאנקען דערויף.

אבער הרשעים כים נגרשו, און די וואודבארי ווילידזש איז געלאפן צום אפעלאט געריכט. ענדע חודש מאי למספרם, איז פארגעקומען דערוועגן א הירינג אין אפעלאט געריכט, און אצינד ווארט מען אויפ'ן באשלוס פונעם העכערן געריכט.

אויסער דעם עצם פראבלעם וואס מ'האט מיט די ווילידזש אוו וואודבארי איבער'ן לעגאליטעט פונעם שטח, האט זיך געשאפן נאך א פראבלעם, אז געווענליך איז איינגעפירט אז איין מוניציפאליטעט בעט נישט קיין טעקס פון אן אנדערע מוניציפאליטעט וואס נוצט איר פראפערטי פאר א וואסער טאנק וכדומה. אבער אין אונזער פאל האט וואודבארי אנגעהויבן צו פארלאנגען טעקס אויף דעם פראפערטי, וואס דאס איז אנדערש ווי ס'איז איינגעפירט אין אנדערע געגנטער. דאס באטרעפט טויזנטער דאלאר אין שטייערן, וואס דארף באצאלט ווערן דורך תושבי קרית יואל.

דערפאר האט די הנהלת הקרי' אנגעהויבן צו ארבעטן אויף נאך א פראנט, צו אנעקסירן דעם גאנצן שטח פון וואודבארי צום טאון אוו מאנראו, וואס דאס וועט שפארן אסאך געלט פאר די קרית יואל'ער שטייער צאלער.

ווי אויך וועט דאס זיין אן אויפטוה, אז אין פאל דער אפעלאט דעוויזשאן וועט אורטיילן לטובת וואודבארי אז דער שטח איז אומלעגאל געטוישט געווארן, וועט עס שוין ממילא זיין אונטער די אויטאריטעט פון די טאון אוו מאנראו, מיט וועמען די הנהלת הקרי' האט ב"ה אנגעקניפט גאר גוטע באציאונגען במשך לאנגע יארן און זיי וועלן בעז"ה נישט אפשטעלן דעם באנוץ פון די וואסער טענק.

דער אנעקסעישאן פארלאנג איז אריינגעגעבן געווארן דורכ'ן ווילידזש און ר' יחזקאל בראך הי"ו דער אייגנטומער פון די אנדערע חלק פון דעם שטח, צו דריי מוניציפאליטעטן: טאון אוו וואודבארי, ווילידזש אוו וואודבארי (די צוויי פון וועמען מ'וויל אוועקנעמען דעם שטח), און די טאון אוו מאנראו (וואו מ'וויל אז דער שטח זאל אנעקסירט ווערן).

אלס טייל פונעם לעגאלן פראצעדור איז פארגאנגענעם יולי 5 למספרם פארגעקומען דער פובליק הירינג, וואו ס'איז געגעבן געווארן א געלעגנהייט פאר איינוואוינער פון די אפעקטירטע געגנטער צו לאזן הערן זייער מיינונג.

זעלבסטפארשטענדליך אז דער פובליק הירינג איז אויסגענוצט געווארן דורך די בארימטע פן-ירבה גויים פון די געגנט, וואו זיי האבן געלאזט הערן זייערע העצערישע און אנטיסעמיטישע מיינונגען פארוואס זיי זענען נישט מסכים צום אנעקסעישאן, זאגנדיג אז זיי ווילן נישט אז "וואודבארי זאל אויסקוקן אזוי ווי קרית יואל, די שטאט וואס צאלט נישט קיין שטייערן"...

די אפליקאציע ליגט יעצט ביי די דריי דערמאנטע מוניציפאליטעטן, וועלכע דארפן מאכן א באשלוס במשך די קומענדיגע צוויי חדשים.

די פארשריפטן זאגן, אז אויב אלע מוניציפאליטעטן זענען אויף די זעלבע ליניע, ד.ה. אז אלע זענען מסכים צום אנעקסעישאן אדער אז קיינער איז נישט מסכים, דאן ווערט דורך זיי געמאכט דער באשלוס, אויב אבער זיי קענען זיך נישט אייניגן ווערט דאס געברענגט אין אפעלאט געריכט וואו 3 ריכטער דארף אורטיילן אויף דעם קעיס.

והיה כעץ שתול על פלגי "מים" וגו' וכל אשר יעשה יצליח.

# נייער "שארטקאט" צווישן די גאסן פון וועג ביורען, אוהעל, פילמאר און מירון וועט נאנט ברענגען צוויי עקן פון די שטאט

(פארזעצונג פון זייט 2)

וואס גייען צופיס צו די לימודים אין כולל.

אייגענטליך איז דער שארט קאט בכלל נישט קיין נייע שארט קאט, און ווי עלטערע איינוואוינער וועלן געדענקן צו דערציילן האט בשנים קדמוניות אויף דעם ארט זיך געשלענגלט דער לאנגער אויסגעפלאסטערטער וועג וואס פלעגט פירן תושבי קרית יואל צום הויז פון רביה"ק זי"ע אויף בעיקערטאון ראוד. אויף דעם ארט האבן די ערשטע תושבים אין קרית יואל געגאנגען צו די תפלות און טישן ביז אין די לעצטע תקופה ווען דער רבי זי"ע האט קובע געווען משכנו יעדן שב"ק אין ביהמ"ד הגדול.

ווי דער עלטערער דור פארציילט, איז דער וועג געווען אויסגעפלאסטערט מיט קוילן און עס איז געווען באלאכטן אויף א פרימיטיוון אופן מיט נאפט לעמפעלעך, וואס דאס פלעגט נאך ברענען ביז ווי לאנג דער עולם איז אהיימגעגאנגען פון דעם טיש פרייטאג צו נאכטס. דאס באדייט מיט אנדערע ווערטער, אז דאס איז גאר דער ערשטער שארט-קאט אין קרית יואל...

אין די שפעטערע יארן ווען רביה"ק בעל ברך משה זי"ע האט איבערגענומען דעם כס ההנהגה פלעגט דער וועג אויך אפט באנוצט ווערן דורך אידן פון די סעקשאן 4 געגנט וואס פלעגן קומען צו די לעכטיגע טישן בביתו נאווה קודש אויף אוהעל קט.

ווי געזאגט קוקט דער ציבור שטארק ארויס אויף דעם שארטקאט, וואס וועט פארלייכטערן פאר טויזנטער נפשות בליעה"ר, און דער ווילידזש האפט אז די ארבעט וועט פארטיג ווערן ווי אמשנעלסטן בעז"ה.


VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

פארמערס מארקעט באס סקעדזשועל

מיר טוען מעלדן פאר די חשוב'ע איינוואוינער שיחי'

אז דער "וואלמארט רוט" פונעם ווילידזש באס וועט דורכפארן דעם לאקאלן "פארמערס מארקעט" צו אראפלייגן די פאסאנדזשירן (Drop off only)

יעדן מיטוואך

10:00 און 12:00

ביז Oct. 24

(ביטע זאגן פאר'ן דרייווער ביים ארויף קומען אז איר ווילט גיין צום פארמערס מארקעט)

- דער פארמערס מארקעט איז אפן יעדן מיטוואך פון 10:00 אינדערפרי ביז 3:00 נאכמיטאג –

די טראנספארטעישאן דעפארטמענט

**דעם גרעסטן דאנק פאר אלע פראיעקטן פון הרחבת גבולי הקדושה אין קרית יואל, איז צו פארדאנקען די טויזענטער פאראנטווארטליכע איינוואוינער וועלכע קומען יערליך ארויס שטימען אין די פאליטישע וואלן וואס דאס ערמעגליכט מען זאל קענען צושטעלן פאר'ן ציבור די אלע לעבנסוויכטיגע פראיעקטן!**

# העפטיגע ארבעט זעצט פאָר אָן אויפהער בעז"ה צו פארענדיגן בנין בית המדרש החדש 'ישמח משה' דקיט"ל אין שכונת ברך משה

## פלענער ווערן געמאכט צו קענען צייטווייליג עפענען דאס ביהמ"ד אויף די ימים נוראים הבעל"ט

(פארזעצונג פון זייט 1)

קליינעם צייטווייליגן ביהמ"ד.

דערפאר ווערט טאקע מטעם די חשובע עסקני "ועד קרן הבנין" אריינגעלייגט איבערמידליכע כוחות צוצואיילן די מלאכת הבני' פונעם בית המדרש החדש, אז מען זאל אי"ה שוין קענען צייטווייליג דאווענען דארט די קומענדיגע ימים נוראים הבעל"ט.

לימינם פון די חשובע עסקנים שיחיו שטייען צו די חשוב'ע הנהלת הקרי', וועלכע זענען גאר שטארק אינסטרומענטאל און איבערגעגעבן צו די רעכטע האנט פון די עסקנים, צו באגלייטן אלע טעכנישע ענינים, צו פארזיכערן אז דער פראיעקט זאל אויסגעפירט ווערן מכח אל הפועל לשמחת לבם פון די פילצאליגע תושבי השכונה.

בעת מיר שרייבן די שורות שפאנט פאראויס די ארבעט ביים נייעם בית המדרש בעזהשי"ת אויף גאר א שנעלן פארנעם, עס ארבעטן פיבערהאפטיג אין אלע שטאקן פונעם בנין א שטאב פון עלעקטערישאנס, פלאמבינג, עיר קאנדישאן, פרעימינג, און ווי עס שיינט וועט מען בסייעתא דשמיא גאר אין קורצן זיך אריינציען אין נייעם בית המדרש החדש המפואר וואס וועט זיין א שטאלץ פאר די גאנצע שטאט.

די עסקני וחברי ועד קרן הבנין הלא הם הרה"ח ר' שמואל אהרן לאנדא הי"ו, הרה"ח ר' גדלי' סעגעדין הי"ו, הרה"ח ר' יואל עפשטיין הי"ו, און הרה"ח ר' שלום משה עקשטיין הי"ו, אין שפיץ פון הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א חדב"נ ורב הביהמ"ד, האבן די פארגאנגענעם יו"ט שבועות בצל הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א דורכגעפירט א ברייטע קאמפיין ביי די נדיבים בעם תלמידי וחסידי סאטמאר מכל קצוי תבל צום 'קרן הבנין' לטובת דעם בית הגדול והקדוש. אנשי שלומינו רופן זיך טאקע אן זייער ווארעם למען הקמת בית המדרש החדש 'ישמח משה' וואס דאס בית המדרש 'ישמח משה' איז שוין היינט פקיע שמיה אלס א ספעציעל ווארעם חסיד'יש בית המדרש און דאס בית המדרש איז ברוך ה' אויסגערופן מיט איר הצלחה בתורה ועבודה, ספעציפיש שפירן די נדיבים בעם א ספעציעלע זכי' ביי דעם בית המדרש אנטיילצונעמען אין אויפשטעלן דעם בית המדרש אין די שכונה המפוארת שנקראת על שמו הקדוש פון אבינו רועינו מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע.

תושבי קרית יואל בכלל און תושבי שכונת ברך משה בפרט וואונטשן פאר די אלע חשוב'ע עסקנים וועלכע זענען עוסק למען הרחבת הגבולים, אז זיי זאלן ווייטער מצליח זיין אין זייערע אונטערנעמונגען להרחבת גבולי הקדושה, ויהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם!



בורא עולם בקנין השלם זה הבנין


# ששון ושמחה ישיגו

הננו בזה לאחל ולברך ברכת מזלא טבא וגדיא יאה להני צנתרי דדהבא מסורים בלב ונפש למען תושבי קרית יואל, עושים ומעשים למען הכלל והפרט שמם הטוב הולך לפניהם,

הלא המה

| | |
|---|---|
| הרה"ח ר' **יעקב ישראל פריינד** הי"ו | הרה"ח ר' **יעקב אלי' רייזמאן** הי"ו |
| **ווילידזש טראסטי** | **ווילידזש טראסטי** |
| **לרגל השמחה במעונו בנישואי בתו למז"ט** | **לרגל השמחה במעונו באירוסי בנו למז"ט** |

ויה"ר שתזכו לראות רב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצאי חלציכם לאורך ימים ושנים טובים בבריות גופא ונהורא מעליא, ואך טוב וחסד ירדפו אתכם כל הימים, עדי נוושע בתשועת עולמים, ומלכינו בראשינו במהרה בימינו אמן

כעתירת וברכת

**הנהלת הקרי'**

# בילדער לקראת יומא דהילולא קדישא כ"ו אב הבעל"ט

**תלמידי ישיבה קטנה שערי חמלה באזוכן מיט א צייט צוריק בביתו נאוה קודש פון רבינו הקוה"ט זי"ע אויף בעיקערטאון רד.**





די תלמידי שערי חמלה האבן מיט א התרגשות באזוכט אין דעם הייליגן הויז וואו רביה"ק זי"ע האט געפראוועט עבודתו הקדושה בעירוב ימיו ווען דער רבי האט געוואוינט אין זיין הייליג געגרינדעט שטעטל קרית יואל, די תלמידים האבן מיט א יראת הכבוד באטראכט דעם הייליגן קוויטל צימער וואו רביה"ק האט גע'פועל'ט ישועות פאר טויזענטער אידישע קינדער





מה נהדר מראה כהן בעבודתו, דער הייליגער רבי ווייגט זיך אוים ביים תהלים'ל יעדן אינדערפרי אינעם הייליגן קוויטל צימער און איז מעורר רחמים פאר כלל ישראל

פארך חבוש עליך, דער רבי איז עוסק בעבודה"ק מלובש מיט די טלית און תפילין

## מכח אל הפועל





באזוכנדיג אין דעם מקום קדוש, פאלט די אויגן אויף א טאוול מיט
א גרויסער געמאלענער בילד וואס הענגט אויף די וואנט,
דער בילד טראגט מיט זיך א שטיקל היסטאריע.
דער בילד איז א סקיצע פון א גרויסע געפלאנטע געביידע מיט'ן נאמען "ילד שעשועים" וואס דער רבי זי"ע האט געוואלט אויפבויען פאר טייערע קינדערלעך מיט ספעציעלע געברויכן, א שטייגער ווי דער הייליגער מוסד שערי חמלה דאהי אין קרית יואל. (דער פלאן איז למעשה נישט צושטאנד געקומען צוליב פראבלעמען מיט די גוי'אישע שכנים, אבער דער טאוול מיט'ן פלאן איז געבליבן הענגען ביים רבי'ן אין שטוב).

טראץ דעם וואס יענער מוסד איז נישט צושטאנד געקומען, איז דעם רבי'נס רצון שפעטער אויסגעפירט געווארן מכח אל הפועל, ווען דער מוסד שערי חמלה איז געגרינדעט געווארן. היינט צו טאגס געפינט זיך דער בנין פון שערי חמלה סמוך ונראה צום הויז פון רביה"ק אויף בעיקערטאון רד.

***

אויפ'ן אויבערשטן בילד: **דער גרויסער געמאלענער בילד וואס הענגט נאך עד היום בביתו נאוה קודש פון רביה"ק זי"ע אויף בעיקערטאון רד.**

אויפ'ן אונטערשטן בילד: **דער שכינות'דיגער בנין פונעם מוסד הק' שערי חמלה וואס ווערט געזען אויף בעיקערטאון רד. וואו עס איז בסייעתא דשמיא פארווירקליכט געווארן דער רצון צדיק**

# הנהלת מוסד "שי" פון לעיקוואוד, א מוסד פאר ספעציעלע קינדער, באזוכן אין שערי חמלה

**די אנפירער פון דעם מוסד "שי" פאר ספעציעלע קינדער זענען געקומען אויף א באזוך אין שערי חמלה וואו זיי האבן אויסגעדרוקט זייער געוואלדיגע התפעלות איבער די אויסטערלישע דערגרייכונגען פון די קינדער אין שערי חמלה**









די געסט באזוכן אין די קלאס צימערן פון שערי חמלה



די חשוב'ע געסט זענען אויפגענומען געווארן בכבוד הראוי



די געסט האבן מיטגעדאווענט מנחה מיט די תלמידים פון שערי חמלה

# "רוח החיים קור ארט" געשפּרעך פון טאג ביי קרית יואל'ער משפחות זינט חול המועד פסח העל"ט

(פארזעצונג פון זייט 7)

בראשור.

## פראגעס און פארשלאגן

און אז מ'האט שוין געגעבן אביסל צו שפירן א "מעין דמעין" וואס עס ווארט אפ דעם ציבור אין דעם נייעם פראיעקט, האט עס שוין ארויסגערופן א געוואלדיגע אינטערעסע, און מענטשן האבן אנגעהויבן זיך צו פאראינטערעסירן. יעדער האט געהאט אייגענארטיגע פראגעס וואס מ'האט זיך פאראינטערעסירט און געוואלט וויסן. אין די צייט וואס איינער האט געוואלט וויסן מער דעטאלן איבער'ן שפאציר-ארט אינעם פראיעקט, האבן אנדערע זיך מער פאראינטערעסירט ווען עס וועט זיין גענצליך פארטיג. אנדערע האבן געוואלט וויסן אויב מ'האט שוין אויסגעארבעט די פונקטליכע שעות פון עקסערסייז פאר מענער און פרויען.

אייגנטליך איז טאקע דאס געווען איינע פון די צילן פון די הנהלת הקרי' ביים ארויסשיקן דעם בראשור פאר'ןברייטן ציבור אויף די פאסט, אז דער ציבור זאל זיך לאזן הערן מיט זייערע פארשלאגן איבער דעם פראיעקט, טראצדעם וואס די אלע פלענער ווערן געמאכט דורך ספעציעלע מומחים אין דעם געביט, דאך ווערן די אלע פארשלאגן פונעם ציבור גענומען אין באטראכט בעת'ן אויספירן די פלענער.

אבער אפגעזען וואס עס זענען געווען די רעאקציעס און פראגעס, האט מען געזען בחוש ווי עס רופט ארויס אינטערעסע ממש ביי יונג און אלט. יונגע קינדער האבן זיך פארטיפט אויף די בילדער פונעם קינדער-פארק, עלטערע אידן, מענער און פרויען ווארטן ענדערש אויפ'ן שפאציר-ארט וואו מ'וועט קענען שפאצירן רואיג און צופרידן ארום דעם לעיק. עטליכע האבן אפילו פארגעשלאגן אז "קרן שמואל ישעי'" זאל האבן א קיאסק אויפ'ן ארט, צו קענען פארקויפן אדער פארדינגען תורה'דיגע טעיפס און סידיס צו קענען הערן בשעת'ן גיין שפאצירן.

ווידער מאמעס מיט קינדער האבן נאר געוואלט וויסן, צי אויב בשעת די קינדער וועלן זיך שפילן, וועלן זיי קענען זיצן און זיך אויסלופטערן, דערביי אכט צו געבן אויף די קינדער פונדערווייטענס. טאטעס ווידער האבן געפרעגט אויב מ'וועט קענען ארגאניזירן אן עפנטליכע "אבות ובנים" אינמיטן די וואך, ווען זיי וועלן קענען לערנען מיט די קינדער אונטער'ן פרייען הימל, פרישע לופט און רואיגע אטמאספערע.

אנדערע זענען שוין געגאנגען נאך ווייטער, און זיך פאראינטערעסירט איבער'ן "עירוב" אויב מ'וועט עס מעגליך אויסשפרייטן ביז אהין, אז מ'זאל אויך אום שבת קענען אהינגיין זיצן און לערנען מיט מנוחת הנפש.

אסאך האבן אויך געהאט איבערצוגעבן פארשידענע זאכליכע הערות און פארשלאגן לויט זייער אייגענעם אויפפאסונג, און אנדערע האבן געשטעלט פארשידענע שווערע פראגעס איבער'ן עתיד פונעם פראיעקט. ווי האט זיך אויסגעדרוקט א חשוב'ער מיטארבעטער וועלכער באגלייט שטארק דעם פראיעקט: "דאס ארויסשיקן דעם בראשור האט זיך געלוינט פון די ערשטע מינוט, און נישט דייקא צוליב דעם אז דער ציבור זאל זיך דערוויסן וואס מ'פלאנט אויפצושטעלן פאר זיי, נאר ענדערש אז מיר זאלן זיך דערוויסן וואס דער ציבור ערווארטעט פון אונז"...

## שמירה מהו

אויפריכטיגע קריטיק איז אלץ א דבר בעתו, ובפרט ווען מ'האלט נאך איידער'ן אויפשטעלן דעם פראיעקט, ווען עס איז נאך בעוד מועד צו קענען באווארענען פארשידענע מכשולות וואס קענען עווענטועל אונטערקומען. לדוגמא, האבן פילע אחריות'דיגע עלטערן זיך פאראינטערעסירט, וויאזוי מ'וועט קענען אויסהיטן אז קינדער זאלן נישט אליינס אנקומען אהין אן קיין געהעריגע השגחה. א זאך וואס מ'האט ווירקליך נישט געדארפט ווארטן אויף די רעאקציעס פונעם ציבור. קרית יואל איז ב"ה א ערליכע הייליגע שטאט אויפ'ן דרך פונעם מייסד הקרי' מרן רביה"ק זי"ע. קרית יואל איז קיינמאל נישט געווען קיין שטח הפקר, און יעדער זוכט צו ארבעטן געמיינזאם אז עס זאל ח"ו ווייטער נישט זיין. נאך גלייך ווען מ'האט אנגעהויבן צו פלאנירן דעם סיסטעם, איז דער הינזיכט פון א "שמירה מעולה" שוין געווען אויפ'ן טיש פון די וואס באגלייטן און ארבעטן אויס די פלענער פונעם פראיעקט.

פאסיג האט אנגעוויזן אן אנדערער מיטארבעטער, אז אויב איבער די לענג און ברייט פון די שטאט האט מען געקענט אינסטאלירן די נויטיגע קאמערעס, דערמיט צו האבן א שטיקל שמירה אויף די שטאט, איז זיכער אז אינעם נייעם פראיעקט, וואו עס איז א דורכשניטליכער איינפיר אויך אין די אלגעמיינע וועלט צו לייגן אויגן און קאמערעס אויף יעדן פלאץ, וועט מען עס אין א קרית יואל'ער פראיעקט זיכער איינפירן, דערמיט אנצוהאלטן די שטארקע שמירה אויף די גאנצע שטאט. כידוע פסק'נט דאך דער רמב"ם אז עס ליגט א פליכט אויף די תושבי העיר צו שטעלן שומרים אין די "גנות ופרדסים" אפצוהיטן פון מכשולות ח"ו, און דער גאנצער פראיעקט איז זיכער אין דעם כלל, צו וואס מ'וועט זיך אי"ה פולקאם צושטעלן.

אבער אויף די ספעציפישע פראגע איבער קינדער וואס קענען מעגליך קומען אליינס, איז וויכטיג צו וויסן אז קינדער וועלן איבערהויפט נישט אריינגעלאזט ווערן אן קיין עלטערן. בכלל ווערט איינגעפירט פארשידענע באווארענונג מיטלען, וויאזוי און מיט וואס מ'וועט קענען אריינקומען, וואס דאס וועט אי"ה פארמיידן די אלע סארט פראבלעמען וואס קענען עווענטועל אונטערקומען.

אנדערע ווידער האבן עס גאר ארויסגעברענגט אלס א מעלה דאס וואס דער פראיעקט ווערט געבויט גענוג נאנט צו די שטאט, אבער פארט גענוג ווייט, אז קינדער זאלן נישט קענען אליינס "פארשוואונדן" ווערן אהין אנעם רשות און וויסן פון די עלטערן.

אויף די פראגע פון פילע וואס עס איז געווען די ריכטיגע סיבה אז מ'האט באשטימט דעם פראיעקט אזוי ווייט ארויס פון די שטאט, איז טאקע די דערמאנטע סיבה געווען א גרויסער פאקטאר ביים באשטימען דעם סטראטעגישן פונקט וואו עס אהערצושטעלן, און בכלל איז אין צענטער פון די שטאט בכלל נישטא אזא גרויסע ליידיגע שטח מיט לעיקס וואו עס זאל זיין א מעגליכקייט אהערצושטעלן דעם פראיעקט מיט אזויפיל פארצווייגטע דעטאלן.

אבער אויב עס איז יא אזוי ווייט, וויאזוי וועט מען אנקומען אהין? - פרעגן מאנכע. דאס האט מען געוויס אויך גענומען אין באטראכט, און מ'האלט אינמיטן אויסארבעטן די פונקטליכע דעטאלן פון א ווילידזש באס טראנספארטאציע-סיסטעם פון און ביז צום פראיעקט, אלעס פאר ספעציעל ביליגע פרייזן.

## ריבוי עם

אין די טעג נאך פסח איז דער רוח החיים פראיעקט געווארן דער געשפרעך אין די בתי חינוך אין די שטאט. מלמדים און לערערינס האבן דעבאטירט די פרישע מעגליכקייטן פון געבן א גוטן 'טריעט' פאר די קינדער, אריבערצופארן אויף א באזוך אינעם רוח החיים פראיעקט. און ווידער האט עס ארויסגערופן רעאקציעס. וועט יעדער מנהל קענען באשליסן פון איין מינוט אויף די צווייטע אז מ'כאפט זיך אריבער צום פראיעקט? און אויב יא, וואס טוט מען אויב עס קומען פלוצים אן עטליכע חדרים אדער גאר כיתות אויפאמאל? וועט דען זיין פלאץ פאר אזויפיל הונדערטער קינדער צוזאמען?

די אלע פראגעס זענען ווי פארשטענדליך אויך געווען אויפ'ן טיש פון די עושי המלאכה, און מ'האט אלעס גוט אין באטראכט גענומען אויסצוארבעטן א פונקטליכן מהלך און סדר וויאזוי אלעס אהערצושטעלן אז עס זאל מיט א פונקטליכן סדר אן קיין פראבלעמען.

און אויב עס איז אזוי - האבן אנדערע שוין געפרעגט נאך ווייטער - וועט ביי משפחות אויך זיין באגרעניצונגען, צו קענען קומען נאר אין פאראויס-באשטימטע זמנים? דער ענטפער אויף אלעם איז אז עס איז נאך צו פרי צו געבן סיי וועלכע קלארער ענטפער אויף סיי וועלכע פראגע. דער גאנצער פראיעקט איז נאך אצינד אין די פלאנירונג פאזעס, אויסער דער קינדער-פארק וועלכע ווערט שוין פאקטיש געבויט, און אלע דעטאלן ארום ווערט נאך אצינד אויסגעארבעט.

און אפילו פיל ווייטער ארויס פון די גרעניצן פון קרית יואל האט דער פראיעקט ארויסגערופן א זעלטענע אינטערעסע. אידן פון אויסער קרית יואל האבן זיך פאראינטערעסירט איבער די דעטאלן, ובפרט איבער די ספעציעלע באנגעלאוס און בנינים וואס זענען ערשינען אין די בילדער. מ'האט זיך פאראינטערעסירט אויב עס וועט זיין א מעגליכקייט אפצודינגען דעם פלאץ אויף שבתים אדער אינמיטן די וואך, נאר פאר תושבי קרית יואל צי אויך פאר אונדערע מקומות, בכלל וועלן סתם אידן פון אנדערע פלעצער קענען אנקומען פלוצים זיך צו באנוצן מיטן פארק, און אזוי נאך פארשידענע סארט פראגעס, וועלכע ווערן נאך אלע פונקטליך אויסגעארבעט, און וועט אי"ה איבערגעגעבן ווערן ווי נאר דער פראיעקט וועט שוין זיין קאמפלעט גרייט צום באנוץ.

אינדערצווישן האט דער הנהלת הווילידזש זיך שוין עטליכע מאל צוזאמגעזעצט אויסצוארבעטן די ווייטערדיגע פלענער, און בקרוב וועט מען שוין אי"ה קענען באריכטן איבער פארשידענע פארשריט וואס דער פראיעקט מאכט בעזהשי"ת.

בורא עולם בקנין השלם זה הבנין.







דער ווילידזש האט געלייגט א נייעם צוים ביים שארט קאט צווישן העיס און ארשיווע קט. נאכדעם וואס די אלטע איז שוין געווען אין זייער א נאכגעלאזטן צושטאנד





די אראנדזש ענד ראקלענד עלעקטעריק פירמע ביי די ארבעט אראפצושניידן די ביימער און צווייגן וואס שטעלן אין געפאר די עלעקטעריק ווייערס




מען רייניגט אויס דעם דרעינידזש סיסטעם אין שטאט



די פארשריט פון די בוי ארבעט פאר'ן נייעם בנין התלמוד תורה

# וואסער קריזיס אויסגעמיטן ב"ה אין סאמע לעצטע מינוט

(פארזעצונג פון זייט 20)

ווייטער אין אלע טאנקען כדי אנצופילן דעם לאך וואס שאפט זיך כסדר יעדעס מאל וואס איר וואשט זיך די הענט.

דער ציל דערפון איז אז יענע טאנקען זאלן קענען דינען אלס רעזערוו אין צייט פון עמערזשענסי. ד.ה. אז ווען מ'זעט אז די קוועלער געבן נישט גענוג וואסער, זאל מען קענען קודם ארויסנעמען פון דארט עטליכע פיס וואסער, וואס מ'געט זיי צוריק ערשט ווען די קוועלער כאפן זיך צוריק און ערמעגליכן צו שעפן מער וואסער פון דארט.

אזא צייט איז געווען אנהויב דעם פארגאנגענעם יולי.

מ'האט זיך דערזען ביי א מצב אז טייל קוועלער זענען געפאלן ביז ממש האלב פון וויפיל וואסער זיי געבן ארויס געווענליך!

## גערא‏טעוועט אין די לעצטע מינוט

תיכף ומיד האט מען גענומען די נויטיגע שריט. קודם כל האט מען אראפגענומען וואסער פון די עצי תמרים טאנקען, טייל מאל ביז אזויפיל ווי 15 פיס ווייניגער ווי זיי זענען געווענליך פול, וואס מ'פארשטייט אליין אז ביי אזוינע גיגאנטישע טאנקען איז 15 פיס אסאך וואסער (ס'איז טאקע מעגליך אז טייל תושבי עצי תמרים האבן געשפירט א שוואכערן וואסער דרוק ווי אייביג, וויבאלד די טאנקען זענען נישט געווען גענצליך פול נאך וואס מ'איז געווען געצווינגען ארויסצונעמען פון דארט וואסער).

גלייכצייטיג האט מען זיך אויך גענומען אריינברענגען גרויסע טאנקער-טראקס פול מיט וואסער, וואס באמת אויב מ'מאכט זיך א חשבון איז עס נישט מער ווי א שפיי אין ים - איין טראק ברענגט 6,000 גאלאן וואסער, און אפילו ביים העכסטן שטאפל ווען מ'האט אריינגעברענגט אזויפיל ווי 20 טראקס וואסער טעגליך איז עס אויך נישט מער ווי 120,000 גאלאן, וואס איז ווייניגער ווי איין פראצענט פון די מאס וואסער וואס גייט ארויס טעגליך אין די גרויסע שטאט!

אבער סוף כל סוף, 120,000 גאלאן איז 120,000 גאלאן, און אין אזא צייט פון קריזיס איז עס געווען א צייטווייליגע ישועה. מיט דעם אלעם האט מען געוואוסט קלאר אז מ'קען נישט אנגיין ווייטער אזוי. עס האט אפגעקאסט אוצרות מיט געלט (זעהט בייגעלייגט די שטוינענדע חשבונות), און איז אויך נישט פראקטיש [עס האט דערמאנט דעם משל אין תרגום שני אויף מגילת אסתר, פון די פויגל וואס האט געוואלט אריבערפירן דעם ים שטראם דורך אריינעמען וואסער אין פיסקעלע און עס אויסשפייען אויף די יבשה. בערך אזוי האט מען אויסגעקוקט ביים פרובירן צו נוצן וואסער טראקס אויף אנצופילן דעם לאך פון די שוואכערע קוועלער...]. די וואסער שטאפלען אין אלע טאנקען זענען געפאלן אין אן אלארמירנדע ראטע.

בחסדי שמים האט מען געטראפן א לעזונג אויף דערווייל, ווען מ'האט באוויזן אראפצוגראבן טיפער ביים קוואל אויף די ד.א. ווידער גאס. די מאס וואסער ביי יענעם קוואל איז געפאלן גאר דראמאטיש, וואס האט אסאך באשטייערט צום קריזיס. אבער נאך וואס מ'האט טיפער אראפגעגראבן, פון 480 פיס טיף ביז אזוי טיף ווי 650 פיס! אראפ אין דער ערד, האט מען ב"ה אנגעטראפן א פרישן מאכטפולן "אדער" (וועין) פון א קוואל, וואס האט ערמעגליכט צו פאמפן פרישע 150 גאלאן פער מינוט, און דאס האט געהאלפן אריבערשוויצן דעם קריזיס.

[נישט אז די פרישע רעגנס האבן צופיל געהאלפן. ווי געזאגט אויבן נעמט א לאנגע צייט אז די רעגן וואסער זאל אנקומען אזוי טיף אראפ צו די קוועלער, ווי אויך זענען רוב רעגנס געווען שטורמישע רעגנס, וואס וויבאלד ס'קומט אראפ מיט כח ווערט רוב פון זייער וואסער אריינגעשווענקט אינעם סוער סיסטעם ביי די וואסער בעיסינס ארום די שטאט. מיט דעם אלעם ווען ס'ווערט קילער ווערט דער מצב אויטאמאטיש בעסער, סיי ווייל דאס וואסער דאמפט נישט אויס, און סיי ווייל מ'נוצט אויטאמאטיש ווייניגער וואסער, ווי אויבן ערקלערט].

דאס גראבן טיפער דעם ד.א. ווידער קוואל האט אפגעקאסט צענדליגער טויזנטער דאלארן, אבער ס'איז נאך אלץ אויסגעקומען ביליגער ווי אריינברענגען וואסער טאנקער-טראקס, שוין אפגערעדט דערפון אז ס'האט למעשה געהאלפן אסאך מער אויפצובויען צוריק דעם וואסער פלוס אין די שטאט. (מאכט אליין דעם חשבון. 20 וואסער טראקס איז 120,000 גאלאן. א פרישער קוואל פון 150 גאלאן פער מינוט קומט אויס 216,000 גאלאן א טאג, און נאך יעדן איינציגן טאג).

נאך א שטארקער הילף איז געקומען ווען מ'האט נאכ'ן גוט נאכזוכן געטראפן אז דער קוואל נעבן בית רחל פאראדייס האט ארויפגעברענגט ווייניגער וואסער וויבאלד די פייפס דערפון האבן באקומען לעכער, און מ'האט אריינגעלייגט דארט נייע פייפס (פונקטליך וויאזוי מ'האט עס געמאכט איז צו קאמפליצירט דא צו שרייבן, ווייל ס'איז דאך אוממעגליך אפצושטעלן די פאמפס פון ארבעטן די לאנגע שעה'ן און טעג וואס ס'דויערט צו פאררעכטן, ספעציעל אין לויף פון איצטיגן קריזיס).

האפנטליך, וועט מען בעת'ן ליינען די שורות שוין האבן פריי אפגעאטעמט אין וואסער דעפארטמענט אז דער שפיץ פונעם קריזיס איז שוין פאראיבער, און א דאנק די פריש אויפגעגראבענע קוואל-אדערן, צוזאמען מיט א קילערן וועטער און האפנטליך פרישע רעגנס, וועט מען קענען גענוג אויפבויען דעם וואסער שטאפל אין שטעטל צו זיין גרייט אויף די ערווארטעטע ימים טובים טעג - אויף וואס מ'קען ווען שרייבן א באזונדערן ארטיקל.

לאמיר אויך האפן אז די וועטער-נביאות איבער פרישע היץ כוואליעס זאלן פארלוירן ווערן מיט'ן ווינט...

און ס'איז אנצונעמען אז נאכ'ן ליינען דעם ארטיקל וועט איר פון היינט און ווייטער שוין וויסן בעסער אינזין צו האבן ביי "ברך עלינו"...







די פילע וואסער טאנקען טראקס שלענגלען זיך אין די גאסן אין קרית יואל אנצופילן די גרויסע וואסער טאנקען צוליב דעם טריקעניש און וואסער מאנגל

אויפ'ן רעכטן בילד: מען פרישט איבער דעם קוואל אויף ד.א. ווידער בלוד.



# וואסער קריזיס אויסגעמיטן ב"ה אין סאמע לעצטע מינוט

(פארזעצונג פון זייט 3)

עס ווערט באלד אוועקגעשווענקט און ווייניג דערפון בלייבט אויפ'ן ארט וואו עס איז געפאלן.

דא אין ניו יארק איז מען ב"ה נאך אפגעקומען גאנץ בחסד. דאהי איז געפאלן היפש רעגן קעגן אנדערע שטאטן, אבער אויך דא איז געווען גאר טרוקן אין פארגלייך צו אנדערע יארן. דאס יאר תשע"ב האט זיך אנגעהויבן מיט איין גרויסער שניי, וואס האט זיך גאנץ שנעל אויפגעלאזט און מער האט מען קיין געהאט קיין סאך שניי.

ווער עס איז באקאנט מיט דעם סיסטעם פון ארויפברענגען וואסער פון קוועלער טיף אין דער ערד, ווייסט אז שניי איז דער בעסטער 'טריק' וואס דער אויבערשטער שיקט ברוב רחמיו וחסדיו אויף אנצופילן קוועלער. רעגן וואסער איז טאקע גענוג פייכט און קען אנפילן רעזערווארן, אבער עס נעמט א לאנגע צייט פון ווען וואסער וואס מיר זעען דא אויפ'ן אויבערפלאך קומט אן אונטן צו די קוועלער.

מ'טאר נישט פארגעסן אז די קוועלער פון וואס קרית יואל פילט אן אירע וואסער טאנקען און דעקט אירע אומגעהויערע וואסער געברויכן, זענען באגראבן הונדערטער פיס טיף אונטער דער ערד. א דורכשניטליכער קוואל איז 500 פיס טיף, און אנדערע זענען נאך אסאך טיפער, ביז 6-700 פיס טיף, און צומאל נאך מער, און דער גאנצער שטח פון דא אויבן ביז אראפ צום קוואל איז פול מיט ערד, שרצים, געוויקסן, שטיינער, און אנדערע מאטעריאל.

דערפאר איז זעלבסטפארשטענדליך אז עס נעמט גאר א לאנגע צייט פון ווען עס רעגנט דא ביי אונז ביז ווען דאס וואסער קומט אן אונטן צו די קוועלער, פון וואו עס ווערט צוריק ארויפגעברענגט אריין אינעם וואסער טאנק. עס קען אמאל דויערן 2-3 חדשים ביז ווען די קוועלער ווערן אנגעטרונקען פונעם רעגן וואסער!

שניי האט דעריבער די געוואלדיגע מעלה אז עס ליגט אנגעלייגט אויף דער ערד פאר א לאנגע צייט דורכ'ן ווינטער, וואס איז טאקע אומבאקוועם פאר די דורכגייער און די גראז, אבער פאר די קוועלער איז נישטא קיין בעסערס ווי דאס, ווייל במשך די גאנצע צייט ווערט די שניי צעביסלעך אויפגעלאזט און פולט איבער דעם קוואל. אין א גוטן שניי-יאר זענען די קוועלער העכסט איבערגעפולט אין ענדע ווינטער, וואס דאס שטעלט צו בעז"ה גענוג וואסער דורכאויס דעם זומער.

היי יאר איז קיין שניי כמעט נישט געווען, און דאס ביסל וואס איז יא געקומען האט זיך שנעל אויפגעלאזט א דאנק דעם ווארימען וועטער, אזוי אז די קוועלער האבן זיך נישט צו שטארק אנגעטרונקען. דאס באדייט אז ווען דער זומער איז אנגעקומען, דערצו מיט די רעקארד היצן פון היי יאר, האט דאס וואסער אויסגעטרוקנט און ס'איז נישט צוגעקומען קיין פרישע וואסער דאס צוריק אנצופילן.

און אז מ'טרינקט נישט, ווערט מען אויסגעטרוקנט. דאס איז ריכטיג ביי קינדער, ביי ערוואקסענע, ביי עלטערע מענטשן, און ביי וואסער קוועלער.

## דער וואסער-מאנגל ווערט ערגער אין לעצטע יארן

דערצו קומען נאך צו א רייע פאקטארן וואס האבן אין די לעצטע יארן שטארק געווירקט אויפ'ן וואסער סופליי אין קרית יואל, און פירן דערצו אז די שטאט ליידט כסדר פון א כראנישן וואסער מאנגל.

1) צום אלעם ערשטן דארף מען פאר קיינעם נישט דערציילן איבער דעם אויסטערלישן וואוקס פון די הייליגע שטאט בליעה"ר, וועלכע איז זיך צעוואקסן ימה וקדמה צפונה ונגבה אויף געוואלדיגע פראפארציעס. עס איז א פריידיגע דערשיינונג, אבער דאס ברענגט מיט זיך א כסדר שטייגנדן וואסער פארלאנג.

איבער די לעצטע יארן זענען צוגעקומען העכער טויזנט משפחות אין די שטאט קרית יואל כ"י. אבער גלייכצייטיג איז נישט צוגעקומען קיין פרישע וואסער קוועלער.

וועט דאך דער ליינער אודאי באלד אויפשפרינגען, וואס הייסט? איך ליין דאך כסדר אין די נייעס אז מ'האט געטראפן דא א קוואל מיט אזויפיל טויזנטער גאלאן, דארט א גרעסערע קוואל מיט הונדערטער טויזנטער גאלאן, א.א.וו. פארוואס ברענגט מען דאס נישט אריין אין באנוץ?

דער ענטפער איז אביסל קאמפליצירט. טיילווייז איז עס דערפאר וואס אריינצוברענגען א נייעם קוואל אין באנוץ דארף מען אריבערגיין פארצווייגטע ביוראקראטישע פראצעדורן מיט די DEC (ענווייראמענטאל קאנזערוועישאן דעפארטמענט) פון ניו יארק סטעיט, א ריזיגע ארגאניזאציע וועלכע פארפיגט אויף אלע וואסער פערמיטן פון די גאנצע סטעיט; אבער ביי רוב קוועלער איז דער פראבלעם אויך פשוט'ע לאגיסטיקס. ווי צב"ש דער ריזיגער קוואל אין קארנוואל וואס וועט בעז"ה קענען צושטעלן הונדערטער טויזנטער גאלאן וואסער פער טאג, וועט נאך אבער נעמען א היפשע שטיקל צייט ביז מ'וועט קענען האבן אויפגעבויט די ערשטע האלב פונעם אזוי-לאנג-ערווארטעטן פייפליין, וואס יענער ערשטער טייל וועט קענען אנהייבן ברענגען וואסער פונעם קארנוואל קוואל נאך לאנג איידער מ'וועט זיך קענען גענצליך אנהעפטן צום וואסער עקוואדאקט פון ניו יארק סיטי, וואס איז דער ענדגילטיגער ציל פונעם פייפליין בע"ה.

על כל פנים, דערווייל זעט מען נאך גארנישט קיין וואסער פון די אלע קוועלער, אבער אינצווישן דארף מען דאך אויך צושטעלן פאר'ן ציבור וואס צו טרינקען.

מאמענטאל ארבעט מען פלייסיג אויף פלענער אויפצוגראבן א פרישן קוואל אין בעק פון פראג בולעווארד, וואס די עקספערטן האבן שוין געטראפן דארט דעם קוואל. פונקטליכע דעטאלן דערוועגן וועט מען נישט וויסן ביז ווען עס וועט זיין אי"ה גענצליך פארטיג, אבער האפנטליך וועט עס שטארק ארויסהעלפן אינעם אומאויפהערליכן וואסער מאנגל וואס פלאָגט קרית יואל.

די עקספערטן שאצן אז יענער קוואל וועט ארויסגעבן בערך 100 גאלאן א מינוט. דאס קומט אויס צו א חשבון וואס דעקט א דורכשניט פון בערך 411 הייזער. אין אנדערע ווערטער, אפילו ווען דער נייער קוואל וועט פארטיג ווערן וועט עס נישט לעזן דעם מאמענטאלן פראבלעם פון ווייניגער וואסער אין די קוואלן, עס וועט נאר דעקן די פרישע הוספה פון נאנט צו 300 משפחות וועלכע ווערן ערווארטעט זיך צו באזעצן אין קרית יואל במשך די קומענדיגע 1 יאר, צווישן פרישע פארפעלקער און נייע איינוואוינער פון די סיטי, און האפנטליך וועט מען ביז 18 חדשים שוין קענען ברענגען וואסער פון קארנוואל דורכ'ן ערשטן חלק פייפליין, וואס וועט בעז"ה זיין א ישועה פאר'ן וואסער מאנגל אין די שטאט.

2) די נאכאנאנדע טרוקענע הייסע וועטערס.

יעדעס יאר זומער ווען עס קומען אן די הייסע טעג ווערט א דאפלטער פראבלעם פאר די וואסער שטאפלען. קודם כל ווערן די וואסערן אויסגעדאמפט אין די לופט, ווי באקאנט, אבער נאך א וויכטיגער פאקטאר איז אז בשעת עס איז הייס נוצן מענטשן מער וואסער. נישט נאר צו באוואסערן גראז; אנפילן קלענערע און גרעסערע שווים-באסיינען פאר קינדער און ערוואקסענע; א.א.וו. נאר אויך דער פשוט'ער באנוץ שטייגט זייער שטארק. מען טרינקט מער (וואס מען מוז טאקע טון אין הייסע טעג); מען וואשט מער וועש; מען באדט זיך מער; א.ד.ג.

ווי מיר האבן שוין געשריבן איז אין די לעצטע יארן געווארן אסאך הייסער (די גוי'אישע ליבעראלע מידיא נוצט אויס די ווארימע וועטערס צו רעדן וועגן "גלאבאלער אנווארעמונג" און "קלימאט טויש", די טעמע איז אונז בכלל נישט נוגע, אבער דער פאקט איז אז אפגעזען די סיבות דערפאר איז דער וועטער אין די לעצטע יארן הייסער אין אמעריקע). און דאס מיינט אז א ווארימער ווינטער נאכגעפאלגט מיט אזא הייסן זומער ווי מיר האבן יעצט, זאגט נישט אן קיין גוטס פאר די וואסער שטאפלען איבעראל, אריינגערעכנט אין קרית יואל.

3) אין די זומער תקופה, ווערט קרית יואל באַרייכערט מיט מערערע תושבים וועלכע קומען דא ארויס אויף זומער, און אויך פילע געסט וועלכע שטעלן זיך אפ אין קרית יואל אויפ'ן וועג פון און צו די קעטסקילס בערג.

4) אויטאמאטישע ספרינקלער סיסטעמס.

אין די לעצטע יארן האט זיך אויך ארויסגעשטעלט א פראבלעם אז מערערע קאנדאמיניומס, ספעציעל אין די נייערע געגנטער, האבן אריינגעבויט אויטאמאטישע ספרינקלער סיסטעמס וועלכע ארבעטן אויף א מאשין, און אנשטאט ווערן אנגעצינדן בלויז דאן ווען עס פעלט זיך אויס פאר די גראז, ארבעטן יענע מאשינען אויטאמאטיש יעדע נאכט, און מענטשן כאפן זיך נישט אז דאס ציט א ריזיגע מאס וואסער, מער ווי סתם אזוי באוואסערן גראז.

וויבאלד עס לויפט אויטאמאטיש, און ווערט ווי נאטורליך אריינגערעכנט אינעם קאנדאמיניום ביל, וואס ווערט גאנץ אפט א "קדירא דבי שותפי", לאזט מען עס לויפן אן קיין שום חשבון, און מ'כאפט זיך נישט אז אויסער וואס עס קאסט געלט, פארנוצט מען אומזיסטע וואסער, וואס אין צייטן פון אזא קריזיס איז יעדער טראפן וואסער א פארמעגן.

### א קריזיס!

ווען עס איז אנגעקומען ענדע יוני/אנהייב יולי, ווען מען טרעט אריין אין די הייסטע מאנאטן פונעם זומער, האט מען אין וואסער דעפארטמענט זיך געטראפן מיט אן ערנסטן און וואקסנדן וואסער קריזיס.

דער סדר איז איינגעשטעלט אז יעדן טאג גייט ארום מו"ה יעקב גליק הי"ו, דער געטרייער וואסער סופעראינטענדענט, צו נעמען א "רידינג" פון יעדן איינציגן קוואל אין די שטאט צו זען וויפיל וואסער דער קוואל ברענגט ארויף פער מינוט, און באזונדער גייט ער ארום זען די חשבונות וויפיל וואסער ס'ליגט אין די 6 טאנקען וועלכע שטייען צום פארפיגונג פאר די שטאט קרית יואל.

אין א געווענליכן טאג ווערט אין די שטאט פארנוצט אן אסטראנאמישע ציפער פון 1.6 מיליאן גאלאן וואסער! דאס וואסער ווערט געהאלטן אין די 6 גיגאנטישע טאנקען וועלכע זענען אויסגעשפרייט איבער'ן שטעטל, אבער יעדער פארשטייט דאך אז אלע טאנקען אינאיינעם קענען נישט האלטן אזויפיל וואסער, און דערפאר האלט מען כסדר אין איין פאמפן פרישע וואסער פון די קוועלער וועלכע גייען אריין אין די טאנקען, און גייען פון דארט ביז א קורצע צייט שפעטער ארויס צו די קנאפע 4,000 הייזער פון וואס עס באשטייט היינט די עיר הגדולה לאלקים.

געווענליך ווערט שבת און זונטאג פארנוצט זייער ווייניג וואסער, און דאן איז די צייט ווען די טאנקען פילן זיך צוריק אן ביז די העכסטע שטאפל וואס מעגליך. דערפאר איז זונטאג דאס בעסטע צייט צו האבן דעם פונקטליכן חשבון וויפיל וואסער איז דא אין די שטאט, און צי עס וועט קלעקן פאר די גאנצע וואך ביז ווען עס וועט ווערן צוריק אנגעפילט.

עס איז אזוי איינגעשטעלט אז די צוויי טאנקען וועלכע דינען די עצי תמרים געגנט ווערן גענוצט אלס כמו-רעזערוו. ד.ה. אזוי, געווענליך וועלן אלע אנדערע וואסער טאנקען נישט זיין גענצליך פול ביז אויבן, נאר עס וועט פעלן 2-3 פיס פון די זעכציג-פיס-הויכע טאנקען. אבער ביי די עצי תמרים טאנקען וועט מען יא זיכער מאכן אז די זאלן זיין אלעמאל גענצליך פול, און דאס ערשטע וואסער וואס ווערט ארויפגעפאמפט גייט אריין אין יענע טאנקען ביז ווען זיי ווערן גענצליך פול, און דאן נעמט מען זיך אנפילן די איבריגע טאנקען, דערנאך פאמפט מען

## וואסער פון טראקס קאסטן 30 מאל טייערער!

ווי מיר האבן געשריבן איז דאס ברענגען וואסער מיט טראקס נישט קיין פערמאנענטער לעזונג, וויבאלד ס'איז ממש ווי א שפיי אין ים קעגן די מאס וואסער וואס אזא גרויסע שטאט ווי קרית יואל פארנוצט טעגליך, בלעה"ר.

אבער נאך א פאקטאר וואס שפילט א וויכטיגע ראלע איז די פרייז פונעם וואסער.

יעדער איינוואוינער וואס באקומט א וואסער ביל זעט אליין דעם חשבון אז מ'צאלט $2.75 פאר יעדע טויזנט גאלאן. דאס איז אויסגערעכנט לויט דעם געווענליכן פרייז וואס עס קאסט צוצושטעלן וואסער פאר די טויזנטער תושבי קרית יואל אונטער געווענליכע אומשטענדן.

ווען מ'דארף אבער זיך נעמען אריינברענגען וואסער טראקס, שפרינגען די פרייזן מיט משונה'דיגע ציפערן. מוהר"ר יעקב גליק הי"ו האט אונז געמאכט דעם חשבון אז וואסער פון די טראקס קאסט אפ פאר'ן ווילידזש וואסער דעפארטמענט א חשבון פון העכער $80 פאר יעדע טויזנט גאלאן! דאס מיינט אז די ווילידזש צאלט ארויף דרייסיג מאל אזויפיל, אדער 3,000%, פון וויפיל די שטאטישע איינוואוינער צאלן פאר די זעלבע וואסער!

מוהר"ר יעקב הי"ו מאכט דעם חשבון אז אין די צייטן וואס מ'האט געברענגט נאכאנאנד וואסער טראקס, אנהויב יולי, האט עס געקאסט בערך $70,000 אריינצוברענגען די טראקס!

התורה חסה על ממונם של ישראל.

## שטארקע השגחה פרטית ביים פארערכטן קוואל

ווי דערציילט אינעם ארטיקל, האט מען געטראפן ערנסטע פראבלעמען ביים קוואל נעבן בית רחל פאראדייס, וואס האט אפגעקאסט אסאך וואסער פאר קרית יואל'ער איינוואוינער.

מיר דערמאנען אז מ'האט געטראפן לעכער אין די פייפס פון וואו עס איז ארויסגערינען וואסער אינמיטן וועג ארויף, אבער פאקטיש האבן זיך געשאפן ביים זעלבן קוואל צוויי פראבלעמען אויפאמאל: קודם די לעכער, אבער דער פאמפ אליין האט אויך גענומען מאכן קונצן.

למעשה אבער וואלט מען נישט באמערקט דעם פראבלעם, וויבאלד מ'האט געטראפן די לעכער אינעם פייפ, און ס'וואלט נישט איינגעפאלן אז מ'דארף אויך זוכן און טרעפן דעם צווייטן פראבלעם מיט די פאמפס. דאס וואלט געמיינט אז נאר האלב פונעם פראבלעם וואלט פארראכטן געווארן, און קרית יואל וואלט פארלוירן נאך אסאך טייערע וואסער.

מיט גרויס השגחה פרטית האבן אבער די געניטע וואסער באאמטע, אינמיטן ארבעטן נאכצוזוכן דעם פראבלעם מיט די פייפס, יא באמערקט אז דער פאמפ אליין מאכט אויך קונצן (דאס איז פארבינדן מיט דעם סיסטעם וואס איז איינגעשטעלט געווארן צו ערלויבן דעם פאמפ ווייטער ארויפצוברענגען וואסער אויך בשעת מ'האט אריינגעלייגט די פרישע פייפס, וואס ווי געשריבן אינעם ארטיקל וועלן מיר דא נישט אריינגיין אין די טעכנישע קאמפליצירטע פראצעדורן דערפון).

אזוי האט מען באוויזן צו לעזןביידע פראבלעמען, צו קענען באווייזן אויסצונוצן יעדן טראפן וואסער וואס נאר מעגליך.

# ״ווינטעדזש וויסטע״ פּראַפּערטי אויף חברון און ראָוונע באַשטעטיגט צו צעטיילן אויף 29 לאַטס

**נאך לאנג-פארצויגענע ביוראקראטישע פראצעדורן פון 7 יאר ביי די טאון רעגירונג - גאר קאסטבארע אינפראסטראקטשור שוין פאראויס אריינגעלייגט - 58 דירות וועלן געבויעט ווערן אויף 10.5 עיקער, צווישן חברון און טעטש-ראוונע**

(פארזעצונג פון זייט 2)

פלענינג באורד.

די פלענער זענען אויך צוגעשיקט צו אלע וואס קענען האבן וואס אריינצורעדן אין דעם פראיעקט, אריינגערעכנט די מאנראו-וואודבארי סקול דיסטריקט, קרית יואל סקול דיסטריקט, טאון אוו מאנראו פלענינג קאנסאולטענט, טאון אוו מאנראו אינזשעניר, טאון אוו מאנראו היידראלאדזשיסט, טאון אוו מאנראו טרעפיק אינזשעניר, און דער טאון אוו מאנראו פלענינג באורד אטוירני.

די אלע דערמאנטע אגענטורן און אפישעלס האבן באקומען די געלעגנהייט צו קאמענטירן איבער דעם פראיעקט, און יעדער האט געקענט אריינשיקן זייערע זארגן איבער דעם פראיעקט און זאגן וואס מ׳דארף לויט זייער מיינונג אינוועסטירן און פארריכטן אז דער שטח זאל קענען ווערן צעטיילט און מ׳זאל קענען בויען דערויף דירות.

צווישן די שאלות וואס זענען אויפגעברענגט געווארן איז געוועזן: וויאזוי מ׳וועט נוצן די שטחים און וואספארא זאונינג דאס וועט זיין; צי דאס וועט שטערן דעם אויסקוק פון די ארומיגע געגנט; וויאזוי די ערד וועט באהאנדלט ווערן; וויאזוי די וואסער אפלויף וועט באהאנדלט ווערן; וויאזוי די רעגנוואסער וועט אוועקרינען פונעם שטח; וויאזוי מ׳וועט צושטעלן וואסער און סוער פאר די דירות; וואספארא אפעקט דאס וועט האבן אויפ׳ן טרעפיק אין די געגנט; צי דאס וועט ברענגען פרישע הוצאות פאר די טאון; די גערויש וואס דאס קען פאראורזאכן; פארקינג; קוירבס און סיידוואקס; וויפיל גראז אוןביימער דער דעוועלאפער מוז איינפלאנצן אויף דעם שטח; וויאזוי די ליכטיגקייט וועט אפעקטירן אויף די ארומיגע געגנטער אין די נאכט שעה׳ן; און נאך.

ביים אויסארבעטן די פלענער האט מען אויך געדארפט נעמען אין באטראכט פארשידענע רעפארטס, צב״ש די טרעפיק לייטס, די פאלושען וואס דער פראיעקט קען ברענגען, וויאזוי דער ״ריטעינינג וואנט״ וועט געבויעט ווערן, און נאך פארשידענעברייטפארצווייגטע רעפארטס.

במשך די פארגאנגענע 7 יאר האט דער דעוועלאופער געדארפט אינוועסטירן אסאך געלט אויף יעדן טריט און שריט, יעדע אפליקאציע האט געקאסט ממון ודמים געלט און כוחות, און אלעס אינאיינעם האט ער שוין אויסגעגעבן שווערע מיליאנען דאלארן, און דאס איז בלויז פאר די אינפראסטרוקטשור אליין, נאך פאר מ׳האט אפילו אנגעהויבן צוצורירן צו די לאטס.

די הנהלת הקרי׳ פון קרית יואל האט - טוענדיג אלעס מעגליך נאכצוקומען דעם שטענדיגן געברויך פאר דירות - שטארק ארויסגעהאלפן אויף טריט און שריט, און פרובירט צו פארשנעלערן דעם פראצעדור מיט וואס נאר מעגליך, דאס איז אויסער דעם וואס מ׳האט פארקויפט די וואסער פערמיטן ווי פריער געשריבן.

אצינד נאכדעם וואס דער סובדעוויזשאן איז ענדליך באשטעטיגט געווארן, צו צעטיילן דעם שטח אין באזונדערע לאטס, איז דער קומענדיגער שטאפל צו באקומען א בילדינג פערמיט פונעם טאון אינספעקטאר פאר יעדע הויז באזונדער, נאכדעם וואס דער אונער וועט אריינגעבן די פונקטליכע בלו-פרינטס פונעם בילדינג וויאזוי מ׳גייט דאס בויען, און ווער עס גייט דאס בויען, אא״וו. דאס איז א באזונדערע ביוראקראטיע וואס קען נאך דויערן א שטיק צייט ביז דער ערשטער איינוואוינער וועט זיך קענען אריינציען אין א מזל׳דיגע שעה.

זעלבסטפארשטענדליך אז רוב פון די אלע שוועריגקייטן וואלטן נישט געוועזן ווען דער שטח וואלט זיך געפינען אין די גרעניצן פון קרית יואל, וואס אין אזא פאל וואלט דער בוי-אונטערנעמער געקענט פיל שנעלער אהערשטעלן דעם פראיעקט, און פאר פיל מער דירות. דאס איז אייגנטליך איינע פון די בענעפיטן פון האבן אן אייגענעם אפגעטיילטן ווילידזש מיט אחריות׳דיגע פירער וועלכע זארגן זיך פאר וואסער און סוער און אלע צוגעהערן וואס די דירות דארפן האבן, און זיי צעגערן נישט מיט אומזיסטע ביוראקראטישע מעשיות.

# געהויבענע מאמענטן אין ״מחנה בית רחל״ מיט באזוך פון כ״ק מרן רבינו שליט״א

(פארזעצונג פון זייט 3)

און תפקיד, און געדענקען אריינצולייגן גרויסע כוחות אינעם חינוך על טהרת הקודש.

דער רבי שליט״א האט דאן אנגעוואונטשן, אז אלע תלמידות זאלן טאקע אויסוואקסן אויפ׳ן שענסטן און בעסטן אופן, מיט א געהויבענע ערליכע התנהגות ווי עס פאסט פאר סאטמארער תלמידות, און קענען בעז״ה אויפשטעלן ערליכע אידישע שטיבער בדרכי אבות ואמהות.

דאן האט גענומען דאס ווארט דער לאנגיעריגער חשוב׳ער מנהל פון בית רחל קרית יואל, הרה״ח ר׳ אלי׳ שלמה קאהן שליט״א, וועלכער האט ארויסגעברענגט די זכי׳ וואס ער האט געהאט מיט יארן צוריק צו קענען מיטהאלטן די געהויבענע באזוכן פון מרן רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע אין די מיידל קעמפס, און שפעטער מיט׳ן רבי׳ן מרן בעל ברך משה זי״ע, און אצינד האט ער די זכי׳ מיטצוהאלטן דעם געהויבענעם באזוך פונעם רבי׳ן שליט״א, וועמענס באזוך לאזט איבער א שטארקע השפעה קדישא אויף אלע תלמידות.

רעדנדיג פון די הערליכע הצלחה אין קעמפ, האט ר׳ אלי׳ שלמה ארויסגעברענגט בדרך הלצה ״והי׳ עקב תשמעון״, ׳והיה״ איז לשון שמחה, ״עקב״, ביים ענדע, ס׳איז א שמחה ביים ענדע פונעם קעמפ סעזאן, ״תשמעון״, ווען מען הערט איבעראל די געוואלדיגע הצלחה וואס מ׳האט ב״ה געהאט אינעם קעמפ, די געהויבענע חינוך וואס די קינדער באקומען 24 שעה אין טאג מיט די אינהאלטסרייכע סדר היום און ערליכע געשמאקע אקטיוויטעטן, וואס ברענגט א רוחניות׳דיגע התעלות פאר די קינדער אין אלע ענינים, צניעות, מידות טובות, השקפה, יראת שמים, א.א.וו. וואס האט ב״ה אן אפקלאנג ביז גאר ווייט.

נאכ׳ן מסיבת קבלת פנים אין ביהמ״ד, איז דער רבי שליט״א אריבערגעגאנגען אויף א באזוך אין די זומער דירה פון חדב״ן הגה״צ ר׳ שמעון זאב שליט״א רב ביהמ״ד ישמח משה בקרית יואל, וואס זוגתו הרבנית תחי׳ איז די קעמפ דירעקטאר אין קעמפ, טוענדיג אנפירן אלע זומער אקטיוויטעטן מיט א געוואלדיגע געטריישאפט און געניטשאפט, און בלויז אין א קורצע תקופה וואס זי שטייט אין שפיץ, האט זי גאר אסאך אויפגעטוען, טוענדיג נאך מער הייבן דעם גוטן נאמען פונעם קעמפ.

דערנאך האט דער רבי שליט״א באזוכט ביי הרה״ח ר׳ מאיר הירש הי״ו מנהל המוסדות ועמוד התווך פונעם קעמפ, וואו מ׳האט דורכגערעדט וויכטיגע נושאים בעניני הקהלה והמוסדות, און דער רבי שליט״א האט גאר ווארים אנגעוואונטשן ברכה והצלחה בכל מעשה ידיו.

דער באזוך פון רבי׳ן שליט״א האט ווי שטענדיג איבערגעלאזט א גאר שטארקע רושם אויף אלע תלמידות, וואס וועט לאנג געדענקט ווערן.

אין די זעלבע צייט וואס דער רבי שליט״א האט געוויילט אין קעמפ, האבן די טויזנטער תלמידות אויך געהאט דעם כבוד צו אנטפאנגען מחברתו הטהורה הרבנית הצדיקת תליט״א, וועמען די מיידלעך און אלע מנהלות ומחנכות האבן באגריסט מיט גרויס שעצונג.

די רביצין תליט״א איז דורכגעגאנגען צווישן די מיידלעך און זיי באגריסט, און דערנאך איז צוגעגרייט געווארן א הערליכע קבלת פנים אינעם גרויסן עס-זאל, וואו מ׳האט געזינגען פאסיגע ניגונים און פארגעשטעלט א גאר רייכע שפיל לכבוד די חשוב׳ע גאסט תליט״א.

מה נאוו על ההרים.

**מיט א תפילה צו השי״ת אויף סייעתא דשמיא:**

# אינטענסיווע באמיאונגען פאראויס-צו-רוקן ביוראקראטישע פראצעדורן צו פארענדיגן טרעפיק אויסברייטערונג פראיעקט דעזיין

(פארזעצונג פון זייט 3)

פראיעקט, פארלאנגען זיי צום ערשט א דעטאלירטן דעזיין באריכט פון דעם גאנצן פראיעקט, אבער וויבאלד דער פראיעקט נעמט אריין ראודס פון קרית יואל וועלכע זענען אונטער די אייגנטום פון די טאון און די קאונטי רעגירונג, דעריבער פארלאנגט זיך אז זיי זאלן געבן דעם צושטימונג צו די פלענער פון דעם פראיעקט.

דעריבער האט דער ווילידזש אריינגעשיקט די ערשטע דעזיין פלענער פאר די טאון און די קאונטי וועלכע האבן מיט א צייט שפעטער צוריקגעשיקט זייערע קאמענטארן אויף די פלענער, וויאזוי מען זאל פארענדערן געוויסע טיילן אין דעם דעזיין אז דאס זאל גיין אין איינקלאנג מיט זייערע געוועגליכע רולס און רעגולאציעס.

ווי פארשטענדליך זענען אבער די געוועגליכע רולס פון די קאונטי נישט די זעלבע וויאזוי די ווילידזש זוכט אהערצושטעלן דעם פראיעקט נוסח קרית יואל מיט׳ן ריכטיגן רחבות פון גאר ברייטע ראודס און סיידוואקס אויףביידע זייטן, און דערפאר האט געדויערט א שטיק צייט ביז די ווילידזש האט זיי איבערצייגט אין די נויטוויכטיגקייט דערפון, און זיך אויסגעגליכן מיט די קאונטי אויף די פלענער וויאזוי דאס זאל געמאכט ווערן, און דערנאך האט דער ווילידזש געשריבן א פרישן דעזיין פלאן לויט די נייע פלענער.

דער נייער פלאן איז ווידער ארומגעשיקט געווארן צו די קאונטי באאמטע, וועלכע האבן אין די לעצטע חדשים געדארפט דורכגיין די פלענער און עס באשטעטיגן, אבער אזוי ווי אלעס איז דאך פארבינדן מיט ביוראקראטיע דעריבער איז אלעס געגאנגען פאמעליך און דער ווילידזש האט נאך דערווייל נישט ערהאלטן די ענטפערס.

למעשה איז דאס אויפהאלטן דעם פראיעקט א גרויסער שאדן פאר׳ן ווילידזש, ווייל דער ווילידזש פארמאגט א באשטימטן סכום פון די רעגירונג צו בויען דעם פראיעקט, אבער ווי לענגער עס ציעט זיך די דעזיין פלענער, אלץ מער וועט שפעטער קאסטן דאס אויפבויען דעם פראיעקט, ווייל די קאסטן פון דאס בויען און די מאטעריאל ווערט נאר טייערער פון יאר צו יאר, אבער די רעגירונגס פאנדן בלייבן די זעלבע ווי אין אנהויב.

דעריבער האט דער ווילידזש אין די לעצטערע וואכן אריינגעלייגט פילע באמיאונגען צוצואיילן די קאונטי און די סטעיט באאמטע אז זאכן זאלן זיך אנהייבן רוקן פאראויס מיט שנעלערע טריט, כדי מען זאל קענען ווייטער אנגיין מיט׳ן פראיעקט.

מתקנין את הדרכים.

# חלק כחלק יאכלו:

**יעדער שטים-באַרעכטיגטער וואס טוט צוהעלפן צום בלי און וואוקס פון די הייליגע שטאט קרית יואל, דורך זיך רעגיסטרירן און גיין שטימען, האט א גלייכער חלק שותפות אין די אלע פעולות לטובה וואס ווערט געטון לטובת די הייליגע שטאט קרית יואל, משאת נפשו פון מרן רבינו הקוה״ט זי״ע**

# געלעגנהייט פאר "נייע ביזנעסער" אין קרית יואל צו אפלייען פאר "מייקרא ענטערפרייז גרענטס"

## נייע קאמפאניס פארמירט אין די לעצטע 6 חדשים זענען בארעכטיגט צו אפלייען לויט די סטעיט רעגולאציעס

(פאַרזעצונג פון זייט 5)

רעגירונג וויל נישט אז די גרענטס זאלן פארפאטשקעט ווערן דורכ'ן נישט ריכטיג פירן דעם ביזנעס, ווייל געווענליך ווען אַ מענטש עפנט אַ ביזנעס איז ער געווענליך גרין און אומבאַהאַוונט אין פילע זאַכן וואָס ער דאַרף צו וויסן, מען רעדט פון דאָ פון כלליות'דיגע וויכטיגע זאַכן וואָס יעדער ביזנעסמאַן דאַרף צו וויסן וואָס איז נישט דווקא נוגע צו דעם ספעציעלן סאָרט ביזנעס אָדער סערוויס ליין אין וועלכע ער געפינט זיך.

אַסאַך מאָל, מחמת חוסר ידיעה, האָט מען עגמת נפש און מען פאַרטשעפעט זיך לעגאַל, אָדער פאָרט די ביזנעס נישט אויף די ריכטיגע שינעס.

דעריבער וועט דער פראגראם צושטעלן ספעציעלע ביזנעס טרעינירונג קלאסן. די קלאַסן וועלן געגעבן ווערן אויף אַ צוגענגליכן פאָרמאַט אין אַ באַקוועמען לאָקאַל אינעם שטאָט, און וועט זיך ציען אויף א ס"ה פון 36 שעה, און עס וועט געסקעדזשולט ווערן אין צייטן וואָס וועלן זיין באַקוועם פאַר די באַטייליגטע.

די קלאַסן וועלן לערנען די נייע ביזנעסלייט וויכטיגע זאַכן וואָס זיי דאַרפן וויסן ביים אויפשטעלן אַ ביזנעס. די קלאַסן הייבן זיך אָן מיט אַן ערקלערונג וואספארא סאָרטן ביזנעסער מען קען עפענען, פאַרוואָס ביזנעסער פאַלן צוזאַם, און אויך לערנבארע סוקסעס געשיכטעס.

עס לערנט וויאַזוי צו אַנטוויקלען און זיך אָפשרייבן אַ ביזנעס פלאַן, מאַרקעטינג, פינאַנצירונג, מענעדזשן די ביזנעס, און האָבן די נויטיגע דאָקומענטן. עס לערנט וויאַזוי צו שיצן די ביזנעס געהיימניסן צב"ש פאַטענטן, טרעידמאַרקס, קאַפירייטס און האַנדלס סודות.

עס לערנט אויך וואָסערע אינשורענסעס אַ ביזנעסמאַן דאַרף האָבן זיך צו שיצן פון קאַטאָסטראָפאַלע שאָדנס וואָס קענען אים אַרויסשטעלן פון ביזנעס. די אינשורענסעס ווערן גערופן: 1) ביזנעס איבעררייסונג (פון אַ פאַרפלייצונג אָדער פייער); 2) לייעביליטי (ווען עמיצער ווערט געשעדיגט מצד די ביזנעס און קלאָגט איר אָן); 3) פראָדוקט לייעביליטי (ווען איינער ווערט געשעדיגט מצד אַ פראָדוקט וואָס די ביזנעס האָט ערצייגט); 4) פייער און פאַרפלייצונג אינשורענס.

עס לערנט אויך וואספארא סאָרטן לייסענסעס אַ ביזנעס דאַרף צו האָבן, צב"ש רעגיסטרירן דעם ביזנעס נאָמען און עפענען אַ באַנק אַקאַונט, זיך רעגיסטרירן מיט די איי. אַר. עס. און באַקומען אַ טעקס אידענטיפיקאַציע נומער, קאַונטי ביזנעס לייסענס, העלט דעפאַרטמענט לייסענסעס, פייער דעפאַרטמענט פערמיטן. עס לערנט אויך וויאַזוי צו עפענען אַ "לימיטעד לייעביליטי פירמע" (על. על. סי.) זיך צו שיצן פון אָנקלאַגעס און די מעלות און חסרונות דערפון, און די שטייערן מיט די מעלות און חסרונות פון יעדן צוגאַנג.

עס וועט אויך לערנען וואָס עס קאָסט אָנצוהויבן אַ ביזנעס, די איינמאָליגע קאָסטן און אָנגייענדע קאָסטן, וויאַזוי צו באַקומען ביזנעס הלוואות און אָנהאַלטן אַ גוטן קרעדיט, וויאַזוי צו באַקומען פעדעראַלע גרענטס, עס. בי. עי. לאָון פראָדוקטן, און מייקראָ-לאָון פראָגראַמען. עס לערנט אויך וועגן אַלערליי שטייערן וואָס מען דאַרף באַצאָלן.

איין גאַנצן טאָג פונעם פראָגראַם איז געווידמעט אויף בעיסיק אַקאַונטינג אַז מען זאָל זיך לערנען פירן די ביכער ווי געהעריג. אַן אַנדערן טאָג פונעם פראָגראַם נעמט אַרום דעם גאַנצן סדר פון מאַרקעטינג. אַן אַנדערער טאָג רעדט וויאַזוי זיך אָפצוגעבן מיט די לעגאַלע אַספעקטן פון אויפנעמען אַרבייטער, די אַרבייטער שטייערן; אַרבעטסלאָזיגקייט אינשורענס; און וואָרקערס קאמפענסעישאן אינשורענס.

ווי פאַרשטענדליך זענען די קלאַסן אַן אויסערגעווענליכע געלעגנהייט צו באַקומען אין אַ קאָנצענטרירן פאָרמאַט אַ הויפן רייכע ידיעות וויאַזוי זיך אומצוגיין ביים אויפשטעלן די נייע ביזנעס אז עס זאָל בליען און וואַקסן אָן שטערונגען און איבריגע עגמת נפש און געלט הוצאות.

ביזנעס אייגענטומער וועלכע זענען אינטערעסירט אין דעם פראגראם קענען ארויפקומען צום ווילידזש אפיס וואו מען וועט קענען אויספולן אפליקאציעס אריינצוגיין אין דעם גורל פאר דעם גרענט, און בעזהשי"ת וועט מען קענען פארברייטערן די דזשאבס מארקעט דא אין קרית יואל.

אבינו מלכינו כתבינו בספר פרנסה וכלכלה.

# העפטיגע בוי-ארבעט אהערצושטעלן "קינדער פארק פאזע" אינעם בארימטן "רוח החיים קור ארט"

(פאַרזעצונג פון זייט 7)

פארק מיט אלע צוגעהערן.

פון די אנדערע זייט האט מען שוין אויספלאנירט דעם אויסזען און סטראקטשור פונעם פארק זעלבסט. מ'האט געהערט פארשלאגן און אויסגעטוישט אינפארמאציע איבער וואס עס איז נוטיג צו אינסטאלירן אין אזא פארק פאר'ן וואוילזיין פון די קינדער. נאך א ווײַלע האט מען שוין געהאט אהערגעשטעלט א גאנצן "סקעטש" מיט די פונקטליכע פלענער, וועלכע סארט שפילערייען מ'פלאנט דארט צו אינסטאלירן, און וויאזוי מ'פלאנט דאס אויסצושטעלן אויף אזא אופן אז מערערע קינדער זאלן זיך קענען דארט שפילן אויפאמאל.

דערנאך האט מען אנגעהויבן צו פארהאנדלען מיט די פירמעס וועלכע צייכענען זיך אויס אין דעם היניזיכט פון צושטעלן די סארט פראיעקטן אין פארקס וכדומה. נאכ'ן דורכגיין די פונקטליכע דעטאלן איז אויסגעקליבן געווארן איין פירמע וועלכע זענען גענומען אהערצושטעלן דעם גאנצן פראיעקט, און מ'האט זיי איבערגעגעבן דעם גאנצן פלאן וואס עס פארלאנגט זיך, וואס מ'וויל אריינשטעלן, וויפיל סווינגס, וועלכע סארט, וויפיל גליטשערס, וועלכע קריכערס, טרעפ ארויף, געדרייטע שטיגן אויף אראפ, די באזונדערע אפטיילונגען פאר יונגלעך און מיידלעך וואס וועלן זיין צוגעשטעלט אין צוויי באזונדערע קאלירן, א.א.וו. נאך צענדליגער דעטאלן און פרטים, וואס די פירמע האט גענומען אויף זיך דאס אהערצושטעלן ביז א באשטימטע צייט.

אצינד שרייבנדיג די שורות, איז די פירמע שוין פעסט פארנומען צוצוגרייטן די גרויסע שפילצייגן, און לויט'ן פלאן וועלן זיי גאנץ בקרוב דאס שוין אנהייבן צו אינסטאלירן אינעם פארק, אזוי אז קורץ דערנאך וועט דער פארק שוין זיין א געשעענער פאקט, און די קינדער וועלן שוין בעזהשי"ת זיך קענען שפילן און טאנצן דערין, אונטער'ן אויפזוכט פון זייערע חשוב'ע עלטערן שיחיו.

גלייכצייטיג ווערט אריינגעלייגט שטארקע כוחות פאר'ן זיכערהייט פון די קינדערלעך, און עס ווערן אויסגעארבעט פארשידענע דעטאלן צו פארזיכערן בעזהשי"ת אז דער פארק איז ריין און היימיש אפגעהיטן פון סיי וועלכע מרעין בישין ברוחניות ובגשמיות, ווי עס פאסט זיך פאר אזא הייליגע שטאט ווי קרית יואל.

אין די זעלבע צייט גייט ווייטער אן דאס אהערשטעלן אלע ארומיגע דעטאלן אינעם פארק. ווי באזונדער באריכטעט, פארענדיגט מען אין די טעג אויסצופלאסטערן דעם גרויסן ראוד וואס פירט אריין ביז צום רוח החיים פריאעקט. אינעם פראיעקט זעלבסט ארבעט מען שוין א לענגערע צייט אויסצופלאסטערן דעם שטח ארום וועלכע וועט זיין דיגזאנירט פאר פארקינג ערטער וכדומה. אין די זעלבע צייט ארבעט מען אהערצושטעלן די אנדערע שטחים, ווי א גאר-באקוועמע וועג פונעם פארקינג-פלאץ ביז צום קינדער-פארק, צוגעשטעלט אז מ'זאל לייכטערהייט קענען אנקומען אהין סיי צופיס, און סיי מיט קערידזשעס און ווילטשערס. עקסטערווערטצוגעשטעלט באקוועמע שטיגן וואס וועט זיין לייכט זיך צו באנוצן דערמיט פאר יונג און אלט, פאר קינדער, מיטליעריגע און עלטערע מענטשן צוגלייך, און אזוי נאך וויכטיגע פראיעקטן וואס ווערן שוין אהערגעשטעלט, אזוי אזוי ווי נאר די שפילצייגן וועלן זיין אויפגעבויט וועט דער קינדער-פארק זיין גרייט געעפנט צו ווערן בעזהשי"ת.

# אויסגעפלאסטערט נייעם ראוד פון לארקין דרייוו צו די נייע רוח החיים פראיעקטן

(פאַרזעצונג פון זייט 7)

צענדליגער נפשות כ"י וועמענס ראשי המשפחה עס האבן געארבעט אויף דעם פראיעקט.

אין געווענליכע פעלער, ווען דער ווילידזש בויעט סיי וועלכע גרויסע פראיעקט, ביי וועלכע די ארבעט ווערט ארויסגעגעבן דורך א "ביד" ווי עס איז דער סדר ביי אלע שטאטישע פראיעקטן, מאכט זיך ווייניג מאל אז די דזשאב קומט אן צו אידישע פירמעס, ווייל אין אלגעמיין ווען עס איז די רעדע פון אזעלכע מאסיווע פראיעקטן, האט זיך נאך ביז היינט כמעט נישט געמאכט אז עס זאל זיין א מעגליכקייט עס ארויסצוגעבן פאר א היימישע אידישע פירמע וועלכע צייכנט זיך אויס אויף דעם געביט און זאל קענען בידן אויף די פראיעקטן.

ביים איצטיגן מאמענט האט דער הנהלת הווילידזש אפגעגעבן שבח והודי' להשי"ת אז מ'האט געהאט די זכי' מקיים צו זיין דעם "וחי אחיך עמך", און די גאנצע ארבעט פון אויפבויען אזא מעכטיגן פילטער איז אהערגעשטעלט געווארן דורך א היימישע פלאמבינג פירמע, וועלכע האט נאך א גרונטליכע איבערזוכט באקומען דעם ביד, וויסנדיג אז די פירמע איז גענוג פראפעסיאנאל צו קענען אהערשטעלן אזא מאסיוון פראיעקט.

ביים אהערשטעלן דעם פראיעקט איז טאג-טעגליך געווען א מחזה הוד, ווי היימישע אינגעלייט, חסידים ואנשי מעשה, ארבעטן אויף דעם פראיעקטן מיטן גרעסטן מאס פונקטליכקייט, און עס איז געווען א קורת רוח יתירה מיטצוהאלטן ווי אלעס ווערט אהערגעשטעלט "היימיש" צוגעשטעלט "פון" תושבי קרית יואל "פאר" תושבי קרית יואל...

## ראוד אויספלאסטערונג

מיט ארום א יאר צוריק איז מען צוגעטרעטן צו די ארבעט פון אהערשטעלן און אויספלאסטערן א נייעם גרויסן "ראוד" וואס זאל אריינפירן צו די קוועלער און צום פילטערש סיסטעם, וועלכע דינט גלייכצייטיג אויך אלס דער צענטראלער אריינגאנג צום גרויסן "רוח החיים" פראיעקט, וועלכע די ערשטע פאזע דערפון - די "קינדער פארק" - ווערט שוין געבויעט אין די טעג.

דאס אויספלאסטערן דעם נייעם ראוד איז געקומען נאך א באזונדערע קאמפליצירטע ארבעט פאר זיך און האט אריינגעצויגן אין א מאסיוון פראיעקט פון עטליכע יאר צוגרייטונגען און ביוראקראטישע פראצעדורן. א גרויס חלק פונעם שטח וואו דער ראוד לויפט דורך איז געווען דעזיגנירט אלס א "וועט לענד" שטח אויף וועלכע מ'קען גארנישט בויען, צוליב די שטרענגע ענווייראנמענטאל רעגולאציעס, האט מען געמוזט פארמיידן דאס פארניכטונג פון פארשידענע אינזעקטן וואס האבן געהאט קונה שביתה געווען אין דעם וואלד. און כדי אז מ'זאל קענען אויסהאקן דעם וואלד און אהערשטעלן דעם נייעם ראוד, האט מען געמוזט אהערשטעלן גאר א מאסיוון אונטערנעמונג.

נאכ'ן דורכגיין אלע פרטים מיט פראפעסיאנאלע אינזשענירן און ארכיטעקטן, האט מען ארויפגעבויט העכער דעם וועט לענד שטח א שטאלענעם בריקל, וועלכע איז באפעסטיגט געווארן אויף די צוויי זייטן, און אויף דעם בריקל איז אויסגעפלאסטערט געווארן א חלק פון דעם נייעם ראוד וועלכע פירט צו די דערמאנטע וויכטיגע פראיעקטן.

תושבי הקרי' וועלכע זענען אין די לעצטע וואכן דורכגעפארן אויף די זייט פונעם פראיעקט, אויף די לארקין דר. גאס, האלטן געוויס מיט, ווי דער גאנצער שטח שפרודעלט מיט קאנסטרוקציע ארבעט, וועלכע איז געגאנגען אלץ מער און מער פאראויס. טאג טעגליך האבן די ארבעטער פלייסיג געארבעט, און מיט יעדן פארבייגייענדן טאג האט דער שטח באקומען א פרישע צורה.

אויך דער געוועזענער ווינקל אינדערמיט פון די לארקין דרייוו ראוד, וועלכע פלעגט אפטמאל אויסגענוצט ווערן דורך די פאליציי צו באאבאכטן דורכרייזענדע, איז אצינד הערליך אויסגעגראדט געווארן, און איז געווארן אן אפענע שטח וואס דינט אלס אריינגאנג צו די קוועלער, פילטער און רוח החיים פראיעקט.

דורכפארנדיג דעם גאנצן ראוד, קומט מען טאקע אן צו דיביידע פראיעקטן, און כאפנדיג א בליק אויפ'ן גרויסן שטח פונעם רוח החיים פראיעקט, פריידט דאס הארץ צו זען, ווי דער פראיעקט איז שוין אין פולן שוואונג, און א טייל דערפון - הויפטזעכטליך דער "קינדער פארק" - ווערט שוין ב"ה געבויעט, דאס באדייט אז עס וועט בעזהשי"ת שוין לאנג נישט געדויערן, און דער ראוד וועט שוין ווערן א ווירבלדיגע גאס. (זעה באזונדערע באריכטן איבערן רוח החיים פראיעקט.)

את הדרך ילכו בה.

# ערשטע פאזע פון מאסיווע "וואסער פייפליין" פראיעקט; ביד עפענונג ביז געציילטע טעג בעז"ה

(פארזעצונג פון זייט 4)

וואס דער אויבערשטער האט צוגעפירט פאר קרית יואל אין די נישט ווייטע קארנוואל.

*

אריינטרעטענדיג אין די אינדזשענירונג פאזע באלד ביים אנהויב האט דער ווילידזש אויפגענומען די CDM אינזשענירונג פירמע, צו דעזיינען און אויסארבעטן די פונקטליכע דעטאלן פון "יעדן אינטש" פונעם פייפליין.

די אינזשענירן האבן אין די 10 יאר געארבעט האנט ביי האנט מיט די הנהלת הווילידזש דורכצוגיין אלע בערג און טאלן פון אומגעהויערע ביוראקראקטישע פראצעדורן, צוצושטעלן דעם כלליות'דיגע באריכט אויפ'ן געפלאנטן סיטי וואסער פייפליין קאנעקשן, סיי דעם וויכטיגקייט דערפון און סיי די אויסווירקונג דערפון אויף אלעס ארום, וואס ווערט גערופן "סטעיט ענווייראמענטל קוואליטי ריוויאו אקט" (SEQRA), קודם דעם "דרעפט ענווייראמענטל אימפעקט סטעיטמענט" (DEIS), דערנאך דעם "פיינעל ענווייראמענטל אימפעקט סטעיטמענט" (FEIS), און דערנאך דעם "אמענדעט פיינעל ענווייראמענטל אימפעקט סטעיטמענט" (AFEIS), אלעס נאכצוקומען די פארלאנגען פון די אלע אגענטורן, מיניצופאליטעטן, און די פארשידענע געריכט אורטיילן וואס מען איז אלס דורך דורכאויס די ערשטע 10 יאר.

אין די לעצטע עטליכע יאר, האבן די אינזשענירן אנגעהויבן צו ארבעטן אויפ'ן ברייטפארצווייגטן און קאמפליצירטן "רעפארט בוך", וואס אין דעם ווערט צוגעשטעלט א ברייטער פרטיות'דיגער דעטאלירטער "דעזיין פלאן" - אין פארעם פון גאנצע ביכער בלו-פרינטס און סקעדזשועלס - וואו עס איז אויסגעארבעט און פארשריבן געווארן יעדע קליינע דעטאל פונעם פראיעקט, אין אן ערשטן און - דערנאך - צווייטן "דרעפט רעפארט" און צוגעשיקט פאר אלע נויטיגע אגענטורן, און נאכ'ן באקומען זייער באשטעטיגונג אז מ'האט אדרעסירט אלע זייערע זארגן האט מען זיך געקענט נעמען צו די לעצטע פאזע פון מאכן דעם ענדגילטיגן בלו פרינט.

א ספעציעלע "סערוועיער פירמע" איז אויפגענומען געווארן, דורכצוגיין פיזיש די גאנצע דרייצן מייל וואו דער פלאן לויטעט אז דער וואסער פייפליין וועט זיך אדורכציען, און אנצייכענען אויף אלע פראפערטי ליניעס און מאפעס פאר וועמען עס באלאנגט; וואו מען קען טעכניש יא/נישט אדורכגיין; אלע פיזישע אביעקטן וועלכע וועלן דארפן גערוקט אדער אויסגעקרויזט ווערן; די סייז פון יעדן בערגל/טאל וואס עס וועט דארפן דורכשניידן; ראודס און געביידעס וועלכע לויפן אדורך דעם וועג; א.א.וו. אלע פילצאליגע דעטאלן אין די גאנצע ברייט פון די פראפערטיס וועלכע וועלן אריינקומען אין בילד דורכאויס די גאנצע בוי-ארבעט.

נאכדעם וואס אלע דעטאלן זענען שוין אריינגעברענגט געווארן אין בילד - אין פארעם פון איין צענטראלע מאפע - האט די אינזשענירונג פירמע גענומען די פיזישע דעטאלן און באשלאסן דעם גענויעם ארט וואו מען זאל אראפשטעלן דעם צוקונפטיגן פייפליין, וואו עס וועט קאסטן טייער און וואו עס לוינט ענדערש פארקירעווען מיט א פוס אדער עטליכע פיס לויט וויפיל עס פעלט זיך אויס, און דאן האט מען דאס פארוואנדלט אין א פאקטישער "בלו-פרינט", אויף וואס די בוי-ארבעט וועט קענען נאכפאלגן מיט גרויס פונקטליכקייט און פאראנטווארטליכקייט.

דער "בלו-פרינט" איז נישט א קליינער בלעטל פון א נאטיץ-ביכל... נאר עס באשטייט פון א ריזיגן בוך פון מאפעס און צייכענונגען, אויף גרויסע בלעטער פון עטליכע פיס ברייט. עס נעמט אריין יעדעס שטיקל שטח פון די גאנצע 6.5 מייל וואו די ארבעט וועט דורכגעפירט ווערן, און דער בלו פרינט ליגט יעצט ביי די צענדליגער פירמעס וועלכע באטראכטן זייערע מעגליכקייטן עס דורכצופירן, און אויף וואסערע פרייז זיי זאלן בידן דערויף.

מיט עטליכע וואכן צוריק איז געקומען די גוטע בשורה אז די סטעיט'ס העלט דעפארטמענט איז ארויסגעגאנגען גאר צופרידן סיי פון די גענויטע און העכסט פראפעסיאנאלע ארבעט וואס איז צוגעשטעלט געווארן דורך די אינזשענירן, און סיי דאס אז זיי האבן באשטעטיגט אז מ'קען נוצן די קארנוואל קוועלער, וואס פון די ערשטע שריט איידער מ'קען אנהייבן גראבן דעם פייפליין, איז ווי פארשטענדליך דאס אויפווייזן אז מ'גייט טאקע קענען לעגאל נוצן די קוועלער וואו דער פייפליין ברויך אנקומען.

באמת איז נאך געבליבן צו ווארטן אויף פארשידענע ביוראקראטישע פראצעדורן, און פערמיטן וואס מ'דארף באקומען פון פארשידענע אגענטורן פון די סטעיט און קאונטי, בנוגע עטליכע ראודס וואס מען וועט דארפן דורכגיין, אבער די קריטישע וואסער געברויך ערלויבט נישט די הנהלת הקרי' צו לאזן פארשלעפן דעם פייפליין אפילו מיט איין טאג. דערפאר, ווי נאר די אינזשענירונג ארבעט איז פארטיג געווארן, האט מען גלייך יענעם טאג אנגעהויבן מיט'ן ביד פראצעדור, מיט'ן האפענונג אז ביז מ'וועט האלטן ביים אונטערשרייבן דעם קאנטראקט מיט די קאמפאני וואס וועט געווינען דעם ביד, וועט מען שוין האבן באקומען אלע פערמיטס פון אלע נויטיגע אינסטאנצן.

*

ווי געזאגט, האט מען אנגעהויבן דעם ביד פראצעדור גלייך נאכדעם וואס דער בלו-פרינט איז פארענדיגט געווארן, דורך א מעלדונג פון ווילידזש וואס ווערט גערופן "נאטיץ טו בידערס".

דער ביד פראצעדור ארבעט ווי פאלגענד. די דערמאנטע אינזשענירונג קאמפאני CDM איז דער וואס פארפיגט אויפ'ן גאנצן פראצעדור. זיי געבן ארויס די בלו-פרינט ביכער פאר א פרייז פון 100$ פאר וועלכע קאמפאני ס'פארלאנגט דאס. אין דעם פאל האבן איבער 50 קאמפאניס דאס פארלאנגט.

דערנאך ווארט מען עטליכע וואכן אז די קאמפאניס זאלן איבערקוקן דעם בלו-פרינט און מאכן א באשלוס צי זיי ווילן טאקע אננעמען דעם דזשאב אדער נישט.

ווען א קאמפאני באשליסט אריינצוגעבן א ביד, שיקן זיי געוועגדליך אראפ איינעם פערזענליך אנטיילצונעמען ביים בידינג פראצעדור, וואס וועט פארקומען קומענדיגן אויגוסט 16 למספרם, וואס דעמאלטס איז דער דעדליין ביז ווען א קאפאני קען בידן דערויף. יעדע קאמפאני וואס גיבט אריין א ביד דארף אויך אריינגעבן א טשעק אדער א "באנד" פון 5 פראצענט פון די סומע וואס ער גיט אריין צום ביד.

צו די באשטימטע צייט וועלן די פארשטייער פון די אינזשענירונג קאמפאני עפענען די בידינג פראצעדור, דורכגייענדיג יעדע קאמפאני וואס האט אריינגעשיקט אדער געברענגט אן ענוועלאופ, זיי רופן אויס הויך די נאמען פון יעדע קאמפאני און די פרייז וואס ער האט געגעבן, דערנאך ווערן אלע בידס אויסגעשטעלט אין א סדר פון די ביליגסטע די ערשטע אין די טייערסטע די לעצטע, און אלע אנוועזענדע קאמפאניס פארשרייבן זיך די סומעס, כדי אהיימצוגיין און קענען רעכענען וואס זייערע שאנסן זענען.

דערמיט ענדיגט זיך דער ערשטער פראצעדור. דאן דארף די אינזשענירונג קאמפאני איניינעם מיט די הנהלת הקרי' דורכגיין און באשליסן וועלכע ביד אנצונעמען. - אין די צייט איז מען אנגעוויזן אויף באזונדערע סייעתא דשמיא אנצוטרעפן א ריכטיגע קאמפאני וואס וועט דאס טאקע אהערשטעלן עצהיו"ט בעז"ה.

מען נעמט דעם ביד מיט'ן נידריגסטן סומע און מ'קוקט צי די קאמפאני קומט נאך אלע פארשריפטן, מ'קוקט איבער אלע דעטאלן, וועלכע סוב-קאנטראקטערס זיי פלאנען צו נוצן, און מ'קוקט איבער די פארגאנגענהייט פון די קאמפאני, זייער היסטאריע, פראיעקטן וואס זיי האבן שוין צוגעשטעלט, או"ו. אויב אלעס איז צופרידנשטעלנד, קען מען גיין ווייטער מיט דעם קאמפאני, און אז נישט גייט מען צו די קומענדיגע קאמפאני אין די רייע.

דער פראצעדור דויערט צווישן 60-90 טעג, און דערנאך וואס מ'קלויבט אויס די פאסיגע קאמפאני ווערט אונטערגעשריבן א קאנטראקט צווישן זיי און די הנהלת הקרי'.

נאכ'ן אונטערשרייבן דעם קאנטראקט, וואס ביז דעמאלטס האפט מען צו האבן באקומען אלע נויטיגע פערמיטן, קען מען זיך בעז"ה נעמען צו די פאקטישע בוי-ארבעט, וואס וועט דויערן בערך איין יאר בעז"ה.

אויב אלעס וועט בעז"ה גיין ווי געפלאנט, וועט מען ביז ארום 18 חדשים שוין טרינקען וואסער פון דעם קארנוואל קוואל, און דערמיט לינדערן אויף א היפשע צייט דעם כראנישן וואסער מאנגל פון וואס די שטאט ליידט אומאויפהערליך.

זעלבסטפארשטענדליך אז אין די זעלבע צייט וועט מען ווייטער אנגיין וואו אויבנדערמאנט מיט די אנדערע פאזעס פון די ארבעט, אנצוקומען צום ענדגילטיגן ציל פון אנשליסן דעם פייפליין אינעם ניו יארק סיטי וואסער עקוואדאקט בעזר ה'.

בעבורו אל תמנע מי"ם.


**VILLAGE OF KIRYAS JOEL**
**Water Pipeline Project**
**Contract 1: Phase 1 Transmission Main**

**INVITATION TO BID**

Sealed Bids for construction of the Water Pipeline Project, Contract 1: Phase 1 Transmission Main, will be received by the Village of Kiryas Joel at the Village Administrator's Office, Village Hall, 51 Forest Road, Monroe, New York 10950 until **11:00 AM** prevailing time on **Thursday, July 26, 2012** and at that time and place will be publicly opened and read aloud.

The work consists of furnishing all labor, equipment, materials and incidentals required to install a new 24 inch diameter ductile iron water main, as specified in the Contract Documents.

Contract Documents may be obtained at the office of Camp Dresser & McKee, 11 British American Boulevard, Suite 200, Latham, New York, 12110, Tel: (518) 782-4500; Fax: (518) 786-3810 from 8 AM to 5 PM.

A payment of $100 in cash, check or money order payable to Camp Dresser & McKee will be required for each set of the Contract Documents. A refund of the payment will be made for Documents (Drawings & Specifications) returned in good condition, postage paid within 30 days after the Bids are received. If an account number is provided, documents can be mailed Federal Express once a deposit has been received.

Each Bid shall be submitted in accordance with the Instructions to Bidders and shall be accompanied by a Bid Security in the amount of 5 percent of the Bid and a non-collusive certificate. Bidders may not withdraw their Bids for a period of sixty days, excluding Saturdays, Sundays, and legal holidays after the actual date of the opening of the Bids. The Successful Bidder must furnish a 100 percent Construction Performance Bond and a 100 percent Construction Payment Bond with a surety company acceptable to the Owner.

Complete instructions for filing Bids are included in the Instructions to Bidders.

Bidders shall be aware that resumes showing the experience of proposed project teams shall be submitted with its Bid. Bids that do not include resumes of the above key personnel or that include resumes that do not meet the above experience criteria will be rejected.

Wage rates for this Project are subject to the minimum wage rates as per the Davis-Bacon and NYS prevailing wage rates schedules.

The Owner reserves the right to waive any informality in or to reject any or all Bids if deemed to be in its best interest.

Minority and Women's Business Enterprises are strongly encouraged to participate.

**GEDALYE SZEGEDIN**
**VILLAGE ADMINISTRATOR**
**VILLAGE OF KIRYAS JOEL**

***THE VILLAGE OF KIRYAS JOEL IS AN EQUAL OPPORTUNITY EMPLOYER***

**KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT**

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176


-טראנספארטעישאן דעפארטמענט-

# באס טראנספארטעישאן סעיפטי אנווייזונגען

## וויכטיגע אויפפאדערונג פאר די חשוב'ע איינוואוינער

